STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02265

BEGAYSTERUNG

Moshe Broderzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

STOWARZYSZENIE „TOSZIJA" KAŁUSZ
אגודת „תושיה" בקאלוש

מ. בראָדערזאן.

בעגייסטערונג

(לידער)

№ 32



אינהאַלט.

פאָרוואָרט	
א) דער שטן—דער שעפער	3
ב) ערב ר״ה „הייליגען סילוועסטער״	10
ג) דאָס נייע יאָהר	11
ד) דער קאַרגאַהאַל פּנ׳ם שין	12
ה) פּריזיש	17
ו) שבת־שדימ׳לעך	19
ז) שפּילען	21
ח) איצט, ביינאַכט	22
ט) פון צער	24
י) צאָרן	26
יא) אַ סימבאָלישער חלום. . . .	28
יב) לייב בירוס.	30
יג) ווען ס׳שטורעמט אין פריהלינג־יאָהרען אַ מאָל.. . .	31
יד) די שוהל פון דער גאָלדענער רויז	35
טו) ווען די לעצטע קעלטען	40
טז) ס׳געהט קריהע!..	42
יז) צו פּרצ׳ן	46
יח) תענית צבור.	48
יט) דער שופר של משיח.	50
כ) פון קאַיטע הימלען	53
כא) בלוט בליהט.	54
כב) פריהלינגס־גלגולים	62
כג) הרעיף	67
כד) פערצווייפלונג	68
כה) דער עלענדסטער	69
כו) איך, אַ פּורים־שפּילער	82
כז) אַ מנהג	85
כח) די מגפה פון שנאה	87

טכ) פֿאַרגעפֿיהלען	89
ל) בענשונג	95
לא) אָנהייב שניי	97
לב) געסט	99
לג) אין אונזערע נעכט	101
לד) אום האלבע נאַכט	103
לה) פאַנאַ יוסטינע	105
לו) איין אויגענבליק	110
לז) וועגען אַ משומד	113
לח) דאָס טעמפעל פון וועסטא	115
לט) הדסה—אסתר	118
מ) פורים־שכרות	120
מא) אין לבנה'דיגען שימער	122
מב) מיט אליהו הנביא	127
מג) לבנה	129
מד) אליהו הנביא'ס כוס	131
מה) צו לבנה	133
מו) איינזאַמקייט און אומעט	135
מז) דער נס	137
מח) אַ מיטאָלאָגישער אמת.	139
מט) שבת־געסעל.	140
נ) שטיינערנע פיגורען	141
נא) דער גולמ'ל	142
נב) צו איינער אַ שענער	143
נג) הענגד	144
נד) רות־שטימונגען	147
נה) די קעניגל'יכע רות	148
נו) בועז	149
נז) די קינדער	150
נח) פערבייגעהענדיג	152
נט) טרויער	154
ס) צום שלאָס פון חלומות	156

סא) מרה־שחורה 157

סב) מיין סדר עולם 159

סג) אין דער הייל פון דער כשוף־מאַלערין . . . 161

כד) דער זינגער 173

סה) אַ נקמה־מעשה'לע 174

סו) פיר פיר־שורה'דיגע 176

סז) „קופידאָן" 178

סט) דער ערשטער דונער. 180

סט) אַ שלאַנגען־צויבערין 182

ע) אַ למדן־וואָר'ניק 185

עא) כשר'ן 187

עב) הבדלה 189

עג) נסתרות 190

עד) די שכערן 191

עה) אבשי שלומינו 192

פאָרוואָרט.

מיט אַ האַרץ-קלאַפּען זינג איך אַרויס אין דער וועלט דידאָזיגע לידער מיינע — די ווידערקלאַנגען פון דער וועלט׳ס און פון מיינע בלוטיגע קאַטאַקליזמען — בעגייסטערונגען.

עפּיס ציטערט מיין אויג פון אַ כאַאָטישער פערגעפּעלטקייט, דורכקוקענדיג דידאָזיגע אימפּראָוויזירטע שורות מיינע, דאָס נערוועאישע צוקען פון געדאַנק און צאַפּעלדיג האַרץ — דעם שפּרודעלדיגען דראַנג פון די ווערטער, וואָס רייסען בליציג דורך די אייזערנע כמאַרעס פון איצטיג לעבען.

איך זעה אין וועהען אַנ׳אויפגעשטורעמטען קאָסמאָס: איך זעה אינ׳ם חרוב-ווערען — דאָס געבורט, אין דעם תהו-ובהו פון כל׳ערלי פאָרשטעלונגען — לאָגיק, און מיט כללים בע-פעסטיגטע בעגריפען.

איך זעה דאָס חשך מצרים, ווען איין מענש זעהט נישט דעם צווייטען!

איך פיהל אין דער געדיכטער אימה׳דיגער פינסטערניש, ווי דער כ׳ין לעבען און ליבען אַנדערשט זיך, און דאָס נייע גלויבען — די נייע פּאָעזיע — הויבט-אָן אויף איהרע מזבחות פון שענקייט צו רויכערן דאָס קטרת-אָפּפער.

אָדם ווערט פון זיין אייגען ערד און זיין אייגען בלוט איבערגעקנאָטען!

און די איינגעפונדעוועטע בנינים פון דער קלאַסישער גלייכגילטיגקייט זענען פון זייערע ערטער, דורך ערד- און הימעל-אויפציטערנישען, געריהרט.

און איך וויל זינגען דעם לעבעדיגען אמת פון אונזער, הויה— און

ס׳דרייבעלט זיך און וויקעלט זיך דער קנויל פון סתירות,
און איך געפין אַנ׳אָנהויב פעדימעל, און איך
פערליר עס..

אוי, ווי שווער זענען די חבלי לידה, ווי שווער ס׳קומט אָן דאָס געבורט פונ׳ם נייעם טאָג: אפשר דעם שמערצליכסטען נסיון קומט אונז אויס אַדורכצוגיין אַזעלכע בייצושטעהן, און דאָך וועט אונזער איצט, דער ערשטער מאָמענט פון התגלות, פון אונזער דערלייטערונג, זיין אויף אייביג-אייביגקייטען אַ יומא דפגרא—

דער געבורטס-טאָג,
געפייערט לעולם ועד!

און איך רוף אויס אין מיין בעגייסטערונג:
—קום, פריינד, אַריין אין מיינע שלענגעלדיגע
טיף-נשמה-לאַבירינטען,
הו-הו, ווי ס׳יאָמערן אַזעלכע דאָרט מדבריות-ווינדטען,
הו-הו, ווי ס׳יאָמערן אין פריהלינג דעם צוגרינטען
די ספקות און דער צער און צאָרן!
אַ פייערדיגער סאַלאַמאַנדער איז דאָס האַרץ אין
תהום פון בלוטען אויספערלאָרען!
אַ ברענענדיגער סנה!
און זעה—
ווי ס׳פרובט דער תוהו ובהו אַלע לאַבירינטען-
אויסוועגען פערשפינען,
„...צי וועלען מיר דעם וועג צו זיך געפינען?"—

I

דער שׂטן—דער שעפּער

דער שטן—דער שעפער.

...האָבען שטראַהלען מיך אַרום—אַרומגענומען,
האָבען ווינטען אָנגעהויבען טרייסט-ווערטער צו ברומען!
דוכט זיך אויס—איך שטעה מיט אַש פון האַרץ אַ הויפען
אין דער זון, וואָס איז מגולגל אין אַ פלאַקערדיגען
שייטערהויפען;
און די ווינטען טוען איצט דאָס העליש פלאַם צובלאָזען,
און עס ציטערן און לאַשטשען זיך צו זון די פרישע גראָזען!
און עס קלינגען זילבער-גלעקלעך פון די בלומען,
און עס ריישען בלויע, ווייסע גלעקלעך פון די בעזען:
„גאָרנישט, גאָרנישט איז געווען,
„גאָרנישט, אָסור, איז דאָך פאָרגעקומען!"
הימלען האָבען זיך אַ האָר נישט אומגעענדערט, נישט געביטען!
גאָט האָט אויך נישט פון זיין נאָמען-לעסטערונג געליטען!
די בני-אדם האָבען אויך נאָך מענשליך אָבגעשניטען!
אלא, וואָס-זשע דען,—די אימהדיגע וועהען?
אלא, מיינע וועהטאָגדיגע אויסגעשרייען?
אלא,—מיינע טעג אין גרויזאַם, וואָס פערגעהען?

זאָל אַ שטורם און אַ וויכער און די בלעטער גרינע,
אין די מדבר-גראָזען גרינע זיי פערדרעהען און פערוועהען!
דען וואָס איז, אייגענטליך, די נפקא-מינא?!.

*

—שלום, שלום, שטן! ביזט אַ יונג מ׳ט ביינער!
ביזט אַ צינדערט אפשר אייגער,
וואָס איז זיין שוואַרצער גבורה טריי געבליבען!
אַ דאַנק, וואָס דו האָסט איצט דיין בליק אויף מיר געווענדט,
און מיך אין דיין געלויער פאַר אַ ליבלינג אויסגעקליבען,
און שפּאַס, דיין שכל׳דיגען שפּאַס מיט מיר געטריבען!..
אָ, זעה—איך דריק דיר דיינע שטעכעדיגע, קאַלטע הענד!
אָ, זעה, ווי ס׳האָבען איצט צו דיר די אויגען מיינע
אויסגעבערענט.

און קוקען-אויס און וואַרטען פון דיר אָב
אַ שלאָגענדיגען ביז צום טויט, אַ קללה-גאָב!

אוי, וועל איך דיר בעדאַנקען בלוטיג-הייס דערפאַר
מיט ריזיגקייט, מיט לאַווע-קוואַלען פון מיין צער!
אוי, וועל איך דיר דערפאַר בעדאַנקען
מיט כל׳ערליי קרבנות און געשאַנקען—
בעצאָהלען דיר דעם מס
פאַר אַלעמענס נבלות און דעם פרעסענדיגען האַס!
בעדאַנקען—מיט דעם גסיסה-צאַנקען פון געדאַנקען!

און, זיי געגריסט, אָ, פריהלינגס-שטן, זיי געגריסט—
כל-זמן מיין האַרץ און אויג איז נישט אינגאַנצען נאָך
פערוויסט.

דורכאויס, אין יעדען אָרט, וואו נאָר דו ביזט!
און—וואו דו ביזט, סיי גרויס אין יחוס, סיי געשרומפען, קליין—
בין איך אינגאַנצען נישט פערלאָזען הפקר—
נישט אַליין!

דו שטראַהלסט-אַרויס אין מיינע שמייכלען און געוויין;
און ס׳לאַכען, בעת׳ן קריצען דיינע גלאַנצענדיגע צייהן!

און כ׳בעט ביי דיר, ביי מיין בעהערשער בעט איך
שוץ און מוט—
אַרויסצוזינגען די קללה פון מיין בלוט,
אַרויסצושפּרייטען אין דער לענג און ברייט
אויף יעדען וואַלד און פעלד,
אַריבער גאָר דער וועלט—
דעם טיפען צער אויף יעדען איינציג בייט,
אין יעדען מענשליך הארץ צו איינזייהען מיין גרויזאַם-טרעהר——
נישט מעהר!

*

—פאַר וועמענס וועגען זאָל איך איצט די גוואַלדריסען
פון האַרץ,
און מיין נשמה—פון דעם שטן׳ס שאָטען שוואַרץ—
ענטפּלעקען?
—פאַר וועמענס וועגען לוינט זיך אויפצודעקען?
—פאַר גאָט? וואו איז ער, גאָט?
—געשטאָרבען? צי ער לעבט אין מיינע שרעקען!
—דאָס איז, ווי אַלעמאָל, נאָך מעהרער איצט אַ סוד!
—ווער ווייסט, וואו רוהט ער אין גלייכגילטיגקייט אַצינד?
—ווער ווייסט, אויף וועלכען ווינט-וועג זיינע שפּורען
מען געפינט!
—פאַר וועמען זאָל איך האַרצען זיך? פאַר וועמענס וועגען!
—פאַר וועמען אויסהילען מיין איוב-שטראָף?
—פאַר די צדיקים, קדושים, פאַר די למד-ואו?
—וואו זענען זיי? אין וועלכען תהום אַנטרונען?
—אין וועלכע נעצען פון נסתרות איינגעשפּונען?
—וואו בלאָנקען זיי—אין וועלכע וועגען?

*

דער שטן האָט אַ וועלט פון זונען-שטראַהלען אויסגע-
שאָטען—

די שלום-פענדלעך, גאָלדען-רענדלעך און קליינאָטען...
דער שטן האָט מיט פריהלינג אויפגעוועקט די טייכען.
אויף אַלדאָס שפּראָצענדיגע, אויפגעבליהטע
הערשט זיין שליטה:
דער שטן געהט זיין וועג דעם אייביגען און גלייכען.
דער שטן זינגט!
דער שטן האָפּסט און טאַנצט און שפּרינגט!
דער שטן וויטעלט זיך פערשעמט, הכנעה׳דיג, און
קייכט און ווינקט...

(דעם שטנ׳ס מזל-ברכה און מערכה).
דער שטן גראָבט אין דר׳ערד אַריין זיין אַקער-סאָכע!
אין יעדען זאַנג און קערנדעל דער שטן בליהט...
דערנאָכדעם קלייבט ער דאָס געוועטעניש, דעם שניט.
ס׳איז אַלץ—ס׳איז אַלעסדינג דער שטן!
ער האָט אין האַרץ צו מיר אַריינגעטראָטען,
און רוימט מיר איין פערטרוילּיך זיינס, די ניי-געבאָטען:
—האָב פיינט! האָב שטענדיג, שטענדיג פיינט:
„זיי מיאוס, קליינליך און פערקריפּעלט, ווי דער שוואַרצער
היינט!

„מאַך חשך-וויסטעניש, וואו אמונה שיינט!
„צושטער און חרוב מאַך די וועלט!
„נאָר שטילערהייד, און נאָר מיט ישוב, פיינערהייד,
„מיט זיסע, חנ׳עוודיגע, צערטעלדיגע רייד—
„אין זון און פריהלינג איינגעהילט, פערשטעלט!"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי ס׳שמעקט פון די מיליאָנען בלומען-גלעקלעך פון די
בעזען!
ווי ס׳קלינגען צאַרט די זילבער-גלעקעלעך, ווי שטיל און מילד!
ווי יעדער קלאַנג פון זיי צום שלוה-להש צילט:
—„ס׳איז גאָרנישט, גאָרנישט, אייגענטליך, דאָך נישט געוועזן,
„ס׳האָט גאָרנישט— —נישט פּאַסירט!
„איז—נישט געמאַלט קיין וועזן!
„ס׳האָט קיינער קיינעם נישט פערפיהרט!
„און גלאַט—
„אַמאָל אַ שטיפעריי, אַ שפּיל, וואָס שאַדט?
„בשעת אין ג׳ות איז די שכינה,
„און די געהויבען פון דער מענשען-ליבע זענען שפּינעלך-
פעדים דינע...

„וואָס איז די נפקא מינא?!

*

אַ שלעכטער חלום. אַ בייזער חלום.
שלום-עליכם, שטן, „עליכם שלום.”
—אַ דאַנק דיר פאַר דעם נס!— — —
ווי ס׳שכורט-איין און ווי ס׳טערשלעפערן די ריחות
פנ׳ים בעז!—

דאָס נייע יאָהר.

אַ פרייע וועלט! אַ פרייע לאַנד! אַ פרייע שטאָדט!
און ווי ס'איז ענג, אָ, גאָט!
און ווי דער פחד קוקט-אַרויס פון יעדען טונקעל ווינקעל
מיט צייהנער-קריצעריי און מיט אַ הונגעריגען אויגען-פינקעל!
און ווי אַ וואָלף, בעהאַלטענדיג זיך איבער שאָטען,
אויף יונגען שניי געטראָטען—
עס שלייכט און קוקט זיך אום דאָס נייע יאָהר!
און נאָר דער שניי איז עפּיס מאָדנע ניי-תּבֿריכים'דיג און קלאָר,
דער שניי, וואָס שרייט און בעט זיך רחמים: „אַלץ פערגעס!"
און ס'דולט זיך אויס, אַז ער פערדעקט אַ קאַלטען גליטשגילטיגען כת
און ס'דרישען פון דער שטאָדט.
אָ, גרויסער גאָט!

דאָס קלינגען פון טראַמווייען און דאָס קלאַפּעריי פון יעדען וואָגען

טראָגען מיט'ן מענשען-מורמעל דורכגעוועבט,
וואָס טרויעריג איך פּנייען-פּאַלצען שוועבט—
אין אַ בּ ג ע ל ע ב ט.

און הילפט, אַ שטייגער, ווי אַן'אומטייגער תהלים-זאָגען!
און ס'גלוסט זיך ערגיץ טיף און זיך בעהאַלטען

מ. בראָדערזאָן.

פון אויגען הונגעריגע, ושערנע אויסגעגלאָצט צום הימעל
קאַלטען..

ניט קלערען! און ניט זעהן! ניט הערען!
בשעת פערגליווערט אינדערהויך יעטווידער שטערען ווינקט,
און ווייס, אַז, ווייט איז פון דער ערד און ערגיץ-וואו מיין
שטערען!

ניט הערען—ווי אַ בעטלער-יונגעלע טרערווירען, עלענד
די „הפקר״ ויגבט...

און טיקליגגט זיין שטימעלע, און שאול תהפיה זינקט...
און סיורינשט דעם הפגרעער, דאָס מרדען יורען,
צו־עלטע ווייעגדיגע קריסטין—אַ גוט יוהר,
דערמונטערט, אויף אַ קורצע ווייל צופרידען
פון טעניגען אַ פאָר...—

ערב דעם

„הייליגען סילוועסטער"

אַ נייער יאָהר אַ זילבערנער—אין זילבער קומט דער יאָהר!
און ס'דרינגען, זינגען, קלינגען גלעקער אין איין כאָר!
און ס'טוען מענשען אָן די מאַסקעס פרומע,
און שטעהען פאַר די בילדער הייליג טיף געקבירהם און שטומע...
און ווי אַ זילבערנער, אַ שאַרפער נאָל
עס בויערט דורך דעם הימעל יעדער תפילה-קול:
—„טע דעאום לאַודאַמוס!"

אַזוי ווי די טאַטעס אויך—די מאַמעס,
וואָס האַלטען גאַט דעם פאָטער און דעם זוהן אין לויטען,
מיט אויגען אונטער מאַסקעס פרום פערגלאָצט, דערהויבען!..

אין נאַכט פון הייליגען סילוועסטער—
דו וועסט מיך אויך דערזעהן, מיין קריסטליך שוועסטער
אין טומעל פון המון,
אין בעסטען, אין דעם שמחה'דיגסטען לוין:
צווישען פרעהליכע פאַרשוינען—נאָך איינעם אַ פאַרשוין,
אַ יונג צוזונגענעס, אַ הויכען יוד,
איינגאַנצען—מיט אַ האַרץ און גלויבען אָפען, דעמאַסקירט:

און איך וועל זינגען שטאָלץ מיין ליד—
פון מענשען, פעלקער, וואָס דער גורל האָט פערפיהרט
אין קרומע, פרומע, בלוטיגע און ענגע וועגען!
נאָר זייערטוועגען
וועל א י ך קומען אויף דעם גרויסען מאַסקאַראַד
מיט מיין גרויסען חשד,
און נישט, חלילה, ווי אַ קרבן,
ביי וועלכען דער געפיהל פון שיצען זיך איז אָבגעשטאָרבען,
אין נישט מיט טרעהרען—
נאָר גרייט ממכן ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט מיין
זיין צו וועהרען!

—ווער איז ער, ווער?
—אַ מענש—אַ טרעהר?

און דו, מיין שוועסטער, דאַרפסט זיך נישט אויף מיר
צו פרעגען
אי וועל, אין שוואַרצען אָנגעטהון, צווישען עולם זיך בּעוועגען
און אין די פייערן פערשעמט און רויט
ווען מיין געשפּענסט אייך שרעקען, מיין שמייכעל-
מאַסקע פונ׳ם טויט:
די שרעק פאַר אייער שולד, און פאַר מיין טימען צער—
מיין מאַסקע איז דער דאַנק—דערפאַר...

אַווי, אַזוי מיין שוועסטער!
און דאַווען פרום,
און קום——
און קום צו געהן זיך משמח-זיין אין נאַכט פון הייליגען
פילוועסטער!..

דער קאַרנאַוואַל פֿונ'ם שטן.

(וויזיאָנעריש).

אין שוואַרצע, אויסגעפּלאַסטערטע און גלאַנצענדיגע גאַסען
איצט שלייכען-אום פֿערטראַכטע שאָטענס-פּאָרען,
און סודלען זיך, פֿון דעם לבנה-ליכט געבאָרען;
און שטום דערצעהלען זיך געהיימנישען און שפּאַסען.

און פּלוצלונג הילכט-אַרויס אַ שפּיץ-געלעכטערל געלאַסען,
און ס'ווערט אַ לויפֿעריי,
און גלייך דערפֿיהלען זיך די שאָטענס, ווי די ווינטען פֿריי.
עס ווערט אין אומעטיגע גאַסען פּוסט:
די נאַכט—אַ הויל ענטבלויזטע ברוסט,
וואָס אָטעמט מיט אַ זיפֿצען, מיט אַ פּחד-קומער,
און ס'בלייבט די שטילקייט פֿון דער נאַכט
אין טיפֿסטער טיפֿעניש פֿערטראַכט
און איינגעהאַלטען פֿרומער...
און, דאַכט זיך, אַז עס לאָזט דאָס ערשטע שנייעלע זיך הערען.
זיין ווייסעס פֿלאַטערן, געריסען פֿון די שטערען,
און פֿליהט-אַראָב פֿון די עליונות—איינס און צוויי,
און איינס, און צוויי, און דריי,
עס ווערט אַ ווייס געיעגעריי
פֿון שטילען, מלאכ'דיגען, חלומ'דיגען שניי.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מ. בראָדערזאָן.

עס איז געווען מסתמא שפּעט ביינאַכט,
ווען ס'האָט דער שניי אין טאַנצען־פליהען אויפגעוואַכט,
און ס'האָבען אָנגעקלאַפּט אין שוואַרצען פענסטער
אַרונטער מאַסקעס פערבעהאַלטען—צוויי געשפּענסטער
אין אַטלעס אָנגעטהון אין בלויען—
צוויי יונגע פרויען.

כ'בין שנעל אַראָב,
נישט אָנגעטהון, מיט אַנ'ענטבלויזטען קאָפּ,
פון אַלע טרעפּ די פינסטערע—מיט אַ גאַלאָפּ;
און ביי דעם טויער
בעגעגענט זיי אין מיין דערוואַרטונג און אין טרויער,
גענומען די, געאָרעמט זיי—אַרומגענומען:
זיי זענען דאָך צו מיר געקומען.
און מיר, מיר אַלע, זאַלבעדריט,
מיט פליהענדיגע, שוועבענדיגע טריט—
מיר זענען באַלד אין גאַסען זילבערנע אַוועק,
אין חלום פון די נעכטיגע און אויסגעבענקטע טעג,
אַוועק פון שרעק,
פון שטענדיג, שטענדיג, שטענדיג בלומענדיגען ווייה—
אין דער פער'כשופ'טער מדינה פון דער נאַכט און שניי.
איך און זיי—די פרויען, די געשפּענסטער צוויי.

האָ־האָ! עס שפּילט מוזיק!
און פלינקע, שלאַנקע קונצענמאַכער געהען אויף אַ שטריק,
געצויגען פון די שטערען,
פון שטערען ביז צו מענשען־טרעהרען,
געצויגען פון דער העכסטער הויך,
אין זילבערנעם און ווייסען שנייען־רויך...
וואָס קאָן אַ לעבעדיגעס האַרץ, אַ שטייגער, נאָך בעגעהרען!
און ס'הערשט אַ זעלטען־זאָרגלאָזע, צובלומטע פרייד!
אַ מאַסקע נאָך אַ מאַסקע טאַנצענד געהט...
און ס'איז אַ מאָדנע רייד מען קאָן דאָ הערען.

פיל הערצן! אָ, און וויפיל אויסגעפוצטע דאַמען!
פיל גלאָזען-אויגען אונטער מאַסקעס פלאַמען!
און אָנגעטהון איז איינער פון דעם צווייטען פיינער!
אָ, אַלע פון דעם העכסטען יחוס שטאַמען
(חלילה, ניט בעריהר מיין ציר—
דאָס שוואַרצע וואָרצעלע—דאָס איז דאָך „סטיל אַמפיר!..״).
און עלענד איז דער בלאַסער אויסזעהן מיינער
צווישען האַוועגדיגען עולם דאָ!
אָט, זעה איך דאָ, למשל, „ראָ-קאָ-קאָ״
און אָט אַ מלבוש פיינער נאָך—פון אַ ציגיינער,
און ס׳אַר אַ ראָזע, ווייסע, געל בורשטינענע און צאַרטע לייבער!
אַ ים, אַ גהינום לאַכענדיגע, קייכענדיגע ווייבער!
און ס׳אַר אַ תמימות׳דיגע, ליליען-בויגעוודיגע קינדער,
וואָס טאַנצען פאַר די אַלטע, ניט פערגלייכליך גאָר, געשווינדער!

אָט שטעהט אַ הייפעל פון די פלוצלונג אויפגעוואַכטע טרוימער—
אין טאָגען, אין סאַנדאַליען-קאָטורנען פון די רוימער,
און פון אַ היגערפלעט דערוועקטע, אַנטישע און שטאָלצע גריכען,
בע׳חח׳ט אַרויפגערוקט אויף פליכען—
ביי יעדערן אַ גלאַנץ-צילינדער...
און פרויען—נאַקעט האַלב
אַרום דעם עגל-געץ, דעם גאָלדענעם, בעקראַנצטען קאַלב!
און מענשען אדם-נאַקעטע איינגאַנצען,
אין פרייד-פערווירונג טאַנצען,
מיט פנימ׳ער פול קעלבערנע התפעלות שוויצען, שטיפען...
און—גאָט, מיין גאָט! אָ, וויפיל תאווה׳דיגע אויגען גלאַנצען,
אַרום אַ תהום אַ טיפען!
—כאַ-כאַ! פערשידענע בעגריפען!
צ לאַכט זיך איינער,
אַ ציגעניפיסיגער, און שטשירעט מיט די צייהנער,
אַב׳אויסגעווייקט פאַרשוין פון הוה-טיפען.
און לאַכט, און לאַכט.

מ. בראָדערזאָן.

אין זילבער-שנייען פון דער טויבער צויבער-נאַכט—
דער אייביג שפּאָטעדיגער שוואַרצער יונגערמאַן,
וואָס שפּירט אונז נאָך,
נאָך יעדען טריט, נאָך יעדען שפּאַן,
אַ גרויער, ווי די אָבגעלעבטע וואָך:
דער מנהיג פון דעם בלוטיג-בונטען קאַרנאַוואַל,
דער אָנפיהרער פון גאַנצען שפּיל...
און גריך, ווי גאַל.
מיט שפּאָטענדיגע קנייטשען פיל
איז אויסגעקרימט זיין אָבגעדעקטער פּנים.
און איך דערקאָן איהם,
זיין יעדען צופעליגען קרים,
די לאַקריץ-זיסע, רודף-שלום'דיגע שטים,
זיין יעדען בויג און נויג, און שקלאַפיש-דינערשע העזיטע
און זיינע קנעכט, און די משרתים זיינע טרייע.
איך האָב צום שטן
אין זיין גבול אַריינגעטראָטען!..
און אָט-אָט דוכט זיך, אָט—
איך בין אַריינגעשלעפּט אין טאַנצענדיגען ראָד,
אין זינדיג-כשופ'דיגען ראַנד אַריינגעצויגען!
און ס'בלאַנדזשען אינ'ם שוואַרצען גלאַנצעדיגען אַויר מיינע אויגען:

איך זוך אַרום צעווישען טאַנצעדיגע פּרויען
די מיינע צוויי, וואָס האָבען זיך אין אויסגעמיש פערלאָרען,
די טרוים-געשפּענסטער צוויי אין בלויען:
מיין אורצאַלטע און אייביג-וואַכענדיגע מוטער רחל מיט איהר טרעהרען-צאָרן,

די אייביג-בענקענדיגע מאַמע,
און די, וואָס איז מיט איהר געווען—מיריאַמע,
די שוועסטער מיינע, וואָס פאַר איהר—איהר אַלע טהוט דאָ קניהען

אין פאַלשער טרייקייט און אין לעסטערדיגע תפילות

די יונגע מוטער פונ׳ם צער און אַלדאָס שטילעס,
די יענע, וואָס איהר רופט צו איהר: „Ave Maria"
און וועלכע איהר האָט קיינמאָל ניט געפונען...
—וואו זענען זיי אַנטרונען?
—וואו זענען זיי אַנטרונען?
—די שפורען האָט פערדעקט דער שניי!
—וואו זענען זיי?
און כ׳האָב צום שטן זיך געווענד׳
מיט רחמים בעטענדיגע הענד...
און—מאָדנע, מאָדנע—ער האָט מיך דאָך אויך דערקענט
און ס׳האָבען קויהלען, שייטערהויפענס צוויי—
אַ פּלוצלונגדיגער אויסגעשריי—
אין זיינע אויגען זיך צוברענט,
און ער האָט אויסגערופען:—„זעהט איהם, זעהט!
דאָס איז דאָך ער, דער אַלטער חוזק-מאַכער פּאַנטאַלאָנע!*)
וואָס איז דער תמיד צַבגעגנאַרטער זקן אָנגעקומען אַזוי שפּעט?!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ס׳האָט געגלעט מיין פּנים די לבנה,
און כ׳האָב זיך עובר-בטל׳דיג אַוועקגעלאָזט
צוזאַמען מיט׳ן זינגענדיגען פראָסט
אין טאַנץ מיט פיל געשפּענסטער-מאַסקעס אינ׳ם ווייסען גראָז
און ברומענדיג אַ וויינענדיגען נגון פון חצות...
חאַ-חאַ-חאַ-חאַ! האַ?.. וואָס?..
מען האָט עס, דאַכט זיך, נאָהנט אַצינדערט אויסגעשאָסען.
עס האָט זיך אַלץ פאַר מיינע אויגען גלייך צופלאָסען
און איז אַנטרונען אין אין-סוף...
און כ׳בין פערזונקען אין אַ טיפען תהום פון שלאָף.

*) פּאַנטאַלאָנע—אַ חוזק-לאַכענדיגער שאַרפזיניגער אַלטיטשקער, האָט הערט פון אַלעמען און אַלצדינג גענאַרט; אַ בעשטענדיגער טיפּ פון דער איטאַליע-נישער מיטעלאַלטערישער פאָלקס-קאָמעדיע.

פּריצ׳יש.

ס׳איז שטיל אין רויטען זאַל... ס׳איז קעציש שטיל-געמיטליך.
אום ווינטער שפּראָצען-אויס אין בלומען-טעפּ די בלימלעך...
אין ריטלעך, ווייס בעדעקט פון בוימער-צווייגען, קוקען
אין פענסטער שטיל אַריין, און בוקען זיך און בוקען,
און הערען שטילקייט אויס, געהילט אין שנייען, קלערען;
און ס׳ריזלען זיך בעזאַמט אויף טירען די פּאָרטיערען.
געוועזן אַ שווערע נאַכט: פּאָדאַגרע... זיפצט דער זקן.
און ס׳לייענט ווייטער שטיל די טאָכטער פּאָל דע קאָק׳ן,
די לייענט אויפ׳ן קול, קרישטאַלען-הויך, געלאַסען.
און ס׳הויבט דער פּאָפּוגיי אין שטייגעל אָן צו שפּאַסען.
און סתם אַ נגון אַלט, אַ פרומען, אַלט-בעקאַנטען
עס שפּילען פלוצלונג אויס די אַלטיטשקע קוראַנטען.
אָ, אָ! עס איז שוין שפּעט!.. נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטען,
און ס׳דרעמלען ביי די פיס פין פריץ ביידע כאַרטען.
דער אַלטער פּריץ קרעכצט און עפּיס קייט מיט ליפּען,
און אַלץ אַרום אין זאַל די אויגען זיינע זיפּען...
ער קרימט זיך פון געדאַנק, וואָס עפּיס איז מבטל,
און טוליעט זיך נאָכמעהר אין פּליושענעם כאַלאַטעל,
און ברומט-אַרויס צו זיך, די וואָנסעס שאַרפּער שטאַרצען,
ער פּרעסט זיין בלויע האַנד צום אומרוה פון זיין
האַרצען...

די טאָכטער לייענט-פּאָר, די יורש'טע, די פּריצ'טע,
און ס'גלאַנצט זיין קאַלער קאָפּ, די אויערן פערשפּיצטע,
זיין פּנים, וואָס איז שטאַר... נאָר אויגען טונקעל ברענען.
און ס'שמייכלען מלאָכ'לעך פון זיידען-גאָבעלענען...
ס'איז שטיל אין רויטען זאַל. אַ קעציש לאַסקע-שווייגען.
און די רעיונות פויל צום זאָמען דרעמעל שטייגען.
ס'איז לאַנגווייליג—אַ גרויל! און פוילקייט טוט זיך קנוילען.
—„אוי, קינד, ס'איז אומעטיג אין קעניגרייך קרוין פּוילען!"
די טאָכטער בלייבט פערטראַכט, די אויגען—האַלב דערשראָקען,
און דאַכט זיך, ס'טרוימען איצט די בלאָנדע איהרע לאָקען...
ס'איז שטיל אין רויטען זאַל... עס פאַלען מידע שטראַהלען,
און גלעטען איצט דעם קאָפּ, דעם פּריצס קאָפּ דעם קאַלען...
וויל פאַלען ער פערפרומט צו אבות, זיי צו קושען,
די בילדער אויף די ווענד, די ריטערשע קונטושען.
וויל צופאַלען צו זיי, און שמייכלען זיי, און בעטען...
נאָר ס'לאָזט דער קראַנקער פוס ניט הויבען זיך, ניט טרעטען.
—„אָ, גאָט, ווי שווער עס איז!.. דאָ ליכאָ!" טוט ער ברומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ רויטער יוד זיין חוב איז מאָהנען איצט געקומען.
די טאָכטער בלאַסער ווערט, און גיט אַ זיפץ אַ צאַרטען...
און ס'שפּרינגט דער פּריץ אויף צוזאַמען מיט די קאַרטען...

שבת-שדימ׳לעך.

איף די בוידימלעך טאַנצען שפּרינגען שדימ׳לעך—
 זיידען יונגעמאַנטשיקלעך,
מיט די ברעקלעך עקלעך-קאַנטשיקלעך,
 העגטשקעלעך פון וואָרעם וואָלאָן-פעדימ׳לעך;
קעסט-קינדער און קעסט-בעזאָרגטע איידימלעך,
 קאָזע-בערדלעך שפּיציג, ברעקעלעך,
און אויף ציגען-פיסלעך—זעקעלעך,
 און בעהאַלטען אין תחתונים ווידלעך-עקעלעך,
רימען-שיכלעך—אויף די זילען שאַרפע טשוועקעלעך...
 געהט מען אין די געסעלעך—
יוסטע בעל-הבית-צלעך,
ביכער—פעטעלעך...
 אין די הענד—די מסחר-און פרנסה-שטעקעלעך!
זאָרגלאָז זינגען, גליקליך קלינגען גלעקעלעך
 אין די פוסטע, וויסטע פעלדער, אין די בלאָטקעלעך...
זעלטען-ווער פון שדים-טענצערלעך
 געהען אָנגעטהון אין שפּענצערלעך,
און אין גרדיע וואַכענדיגע רעקעלעך,
 אין כאַלאַטלעך איינגעהילט, אין די קאַפּאָטקעלעך...
סריזב גאָר—אָהן מלבושימ׳לעך, ווי ניי-געבוירענע
 און די האָריג-פעלעכלעך אַרומגעשוירענע,

פון דעם גיהנום אויף דער ערד אַרויספּערלווירענע!
און מען צילט און שפּילט און שפּיגעלט זיך אין
וועסערלעך
אין אַ שפּילעכעל פון שאַרף חלפים-מעסערלעך
און מען שפּילט אין מסור׳לעך, רכילות׳ן און פּלאַטקעלעך—
אין די ריסשקעלעך, אין די בלאַטקעלעך...
און מען שפּילט זיך פרידליך שענע, פיינע לידעלעך
אויף די אָדער-סטרונעלעך פון די לבנה-פידעלעך...
און מען היפּערט און מען קלימפּערט מיט די גלעקעלעך
און מען קרייזעלט זיך די פּעלעכ׳לעך און לעקעלעך...
מאַכט מען סוים׳לעך—קייט מען לעקעכלעך,
בראָנפּען טרינקט מען,
העכער זינגט מען,
און מען ציקעלט זיך און גאָרגעלט זיך אויף קול׳עכלעך,
און עס זינגען-מיט די וועלעכלעך פון קוועלעכלעך
מאָדנע וואָלעכלעך און איבערשפּיצטע שטייגערלעך,
און סקאַרבאָווע-סאָווע טרויער שטילע ניג׳עלעך
אין די וואוילע, טייערע הניגה׳לעך...
און עס וויגען זיך אין צאַרט לבנה-וויגעלעך
תאווה׳דיג און חוה׳דיג, אַזוי גיערליך—
די דינינקע און גרינינקע, די שדים-מיידעלעך,
די תמימות׳דיגע ווייבעלעך,
ווי אין די פלאַמען—שרפה-טייבעלעך,
און ווידלען מיט די אידעל-ווידעלעך,
און הילען זיך אין נעפּעל-שאַלעכלעך,
און שנורעווען די בלומען-מיילעכלעך,
און טריפּען האָניג-זיסע שטיפן-ריידעלעך,
און שפּילען מיט די פּערלמוטער-גלידערלעך...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ גוט-שבת, שוועסטערלעך און ברידערלעך?
נעהמט מיך אויך אַצינד אין אייער קאָן אַריין, אין רעדעלע:
כ׳בין דאָך אויך אַ שוואַרצער שד׳עלע!—

!שפיל

די שנאה קאָן אַ וועלט צו אַש פערברענען !
און אויף דער שרפה גרויס, וואָס אַלץ האָט אומגענומען—
אָ, ווער וועט קומען ?
אָ, ווער דעם העליש בראַנד פערלעשען וועט מיר קענען ?
און ווער ט׳פערענטפערן מיין טיפען צער ?
אַ נביא, צי פון געגענוואַרט אַ גוט-געשטימטער נאַר ?
דאָס טיף פערגעסען זיך ? צי ס׳ניכטער זיין און וואַך ?
דאָס וויצלען זיך פון צוגעקאַמטען שטן פלאַך ?
צי ס׳טרייסטען פון די „פיל אַזעלכענע״, אַ סך,
וואָס בויגען זיך אין זייער אידעל-וועלטליכקייט אין דרייען
און ווילען אין דעם שווייס פון זייער פנים אַלץ בענייען,
אַלץ בעפרייען ?
—עס ברענט ! עס ברענט !
און אַל-נשמה-הייליגקייטען זענען איצט געשענדט,
און וויפיל איז דער שיער ?
אָ, ווייז מיר וואו, צו וועמען זאָל איך שטרעקען מיינע הענד ?
—צו גאָט !..
נו, גוט—זאָל זיין צו גאָט, צום רעטעניש, צום סוד !
צו גאָט אין דעם נישט-גלויבען
מיין צער וועל איך דערהויבען !
און מיין נשמה ווענדען
צו די פערלאָרענע לעגענדען !

— — — — — — — — — — — — — —

די שנאה קאָן אַ וועלט צו אַש פערברענען
דערווייל שפיל מיר, קינד, אַ שטיקעל פון שאָפּען׳ען !

איצט, ביינאַכט.

עס ליגט אַ שרעק אויף בלינדע, שטאַרע גאַסען—
די שרעק פון דער נישט-וויכטיגקייט און נאַכט...
און עמיץ וואַכט, די פּחד-אויגען אויפגעמאַכט
און געהט-אַרום, זיך שטאַרקענדיג, געלאַסען,
און מאַכט זיך מוט, און מיט אַ שמאַכטען טראַכט
פון עפּיס זייטיגעס: פון נעכטיגע פערזוימטע זאָרגען,
און פון אַ מאָרגען, פון אונבעוואוסטען, ווייטען מאָרגען!

און די לבנה קוילערט זיך, און שיינט פערצווייפעלט,
אויסגעלאַסען,
און, דאַכט זיך, אידרע „בעלמע״-אויגען שפּאַסען
פון וואַנדערדיגען וועכטער פון דער נאַכט.
זי קוקט און——לאַכט,
און מאַכט אַ בלייך העזיה׳לע, אַרונטער וואָלקענס זיך
בעהאַלטען,
און מאַכט אַנ׳אויסגערעכענט חנ׳דעלע אַ קאַלטען...
און ס׳שפּרייט זיך אויס אַ גרויסער שאָטען אויף דער ערד,
וואָס ווערט מגולגל אין אַ שונא אויף אַ שוואַרצען
פערד—
„אַ שוואַרצער פיינד,״ אַ שוואַרצער פיינד, וואָס בולט׳ער
אַלץ ווערט,

וואָס נעהנטערט זיך אַלץ גיכער־גיך— אַ גרויל!

און ס׳ווערט דער וועכטער מיט אַן׳אַנגסטען־שווייס בעגאָסען:
פאַר זיך אַליין דערשראָקען! אויסגעשאָסען—
שיקט ער אין דער לופטען צו לבנה הויך אַ קויל, און נאָך
אַ קויל...

און ס׳וויקעלט זיך אין די געהיימע אימה־שפינעכצען אַ קנויל
פון ווילדע פוסטע וויסטע, פעלדער־שרעקען בלינד,
און ס׳ווערט דער וועכטער איינגעשפינט.

פון ערגיץ—ווייסט איין גאָט—פון וועלכען מדבר קומט אַ ווינד.
און הינד פער׳מרה־שחורה׳טע צו דער לבנה בילען עס? צי
וועלף?
—גאָט, העלף!..

און איידער ס׳שלאָגט דער שטאָדט־זייגער פערשלאָפען צוועלף,
שוין בלאָנקען אום געשטאַלטען, פערבעהאַלטען אין די
שאָטענס פון די מויער־ווענד;
און נישט איין פריינד האָט איצט—

בשעת דער פחד האָט מיט ציינער געציטערט און געקריצט,
דעם אַנדער פריינד, בעגעגענדיג—נישט דערקענט.

פון צער.

ס'איז וועה צו די, וואָס ווייגען מיט פערוואָהרלאָזטע און
בלאַסע טרעהרען !
וואָס זייער זיפץ קאָן לינדערן פון זיי אַליין דעם פיין
דעם שווערען !
ס'איז וועה צו דעם, וואָס מורמעלט אין דער שטיל
אַ תפילה אויס,
אין ד' אמות פון דיין אייגען היים און הויז,
אַ „ברוך דיין אמת" מיט אַ בליק געווענדטען צו אַ ציל !
אָ, ווען איך קען,
אין צאָרן און עגוים-ברען,
אַ וואָלט פער'סמ'ען מיט מיין וועהטאָג־סם !
אָ, ווען ס'וואָלט ווערען
פון אויגען-פלאַקער מיינעם איין אַלוועלטליך פלאַם !
און ווען פון טרעהרען
וואָלט געוואָרען
מיט אַ נס געבוירען
אַ שטורמדיגער אַל-אוקינוס-ים—
וואָלט איך פערטיליגט אַלץ אין בראַנד,
פאַר חרפה גרויס און שאַנד !
וואָלט איך פערפלייצען מיט דעם טרעהרען-שטרוים

יעשווידער שטעג און וועג,
אין מיינע אָבל'דיגסטע טעג,
יעשווידער—גראָז און בוים,
וואָס האָט דעם צער פון פאָלק, מיין פאָלק, געזעהן...
אָ, ווען עס קאָן געשעהן!
און וועה צו די, ביי וועלכע ס'טריפען טרעהרען
ווייכער, בלייכער!

עס וועט פון זיי פערבלייבען קוים אַ זכר!

נאָר וואויל איז די, וואָס הילכען דרייכט אַ קללה אויס
פון גיהנום-הארץ אַרויס,
און וואויל צו די, ביי וועלכע ס'ווערט ענטבלויזט—
אַקראַמפהאַפטע אַ מורא'דיגע פויסט!—

צאָרן.

זאָל ווײנען דער, וואָס האָט אין האַרץ אַנ׳אוצר טרעהרען,
ווער ס׳טרוימט מיט טרעהרען בלויז די שקר-פעלזען צו
צושטערען !

אָ, איך, איך האָב אין האַרצען איצט אַ קללה-בראַנד,
אַ שטילען שלענגעלדיגען שמייכעל-גאַל!
איהר זעהט, איך האָב די גרינע שמייכעלעך אַ סך,
איהר זעהט—איך לאַך...
איך האָב אין זיך די שנאה פון אַ גאַנצען לאַנד!

„זענען פון די שלינגענדיגע בלאָטעס און די זומפּען,
זענען זיי אַרויס פערקריכעלט, איינגעשרומפּען,
אויפגעפלומט די בלוטען-פלומפּען,
אויפגעפּעפענט סמ׳ען-קוואַלען און פון האַס אַ ים:
שטרוימט אַ שפרודעלדיגער—אַנ׳עלילת דם...“

„העי, העי! בלוט פערגיס!
ברען! שטעך! שנייד! שיס!
נאָך אַ שטיק! און נאָך אַ פליק! און נאָך אַ ריס!
נאָך אַ גוסס׳דיגער ביס!
אוי, אוי, דאָס בלוט איז זיס!..“

איך וואַרעם אין מיין ברוסט די שנאה פון אַ גאַנצען לאַנד,
דעם שלאַנגען-גיפט און שאַנד,
פון סדומ׳ען-זינד אַ פעך-און שוועבעל-קוואַל,
וואָס וואַרט אויף תקון
דעם צער און צאָרן אין אַ מבול צו דערשטיקען !

אך האָב אַ האַרץ, וואָס ווערט אין אַ וואולקאַן מגולגל ווערען.
וואָס האָט די לאַווע—שפּאָט און חרפּה-אָנגעזאַמעלט,
וואָס רייסט זיך שוין פון איהר פערשטיינערט הויט אַרויס

און טעמפּ דערווייל מיט אונטערערדיש קלעפּ גאָך שטאַמעלט,
וואָס לויערט אויף דעם אומרעכט גרויס...
און ווען עס וועט דער פאַליענדיגער לאַווע-טרויער
פון דונערדיגען האַרצען אונגעהויער,
אין מיין נקמה, בענקשאַפט און געלויער—
אָ, ווען——עס וועט זיך אויסרייסען פון קלעמענדיגע ברעגען,
זיך אויסלאָזען אויף דאָרף און שטאָדט,
אויף אַלע קללה׳דיגע וועגען—
אָ, דאַן וועט אַשמדאי אַפילו אויך נישט לאַכען!..
אָ, דאַן וועט עס אַ וועלט, די גאַנצע וועלט פערוויסטען,
חרוב מאַכען

צום אויסגעברענטען שטויב און קויהל
אין שטיקענדיגען, ווערגעדיגען רויכען-קנויל,

אַזוי—אַז אויפשטעהן וועט פון הימלען גאָט,
שוין לאַנג פערגעסען זיין לייטזעליגקייט און גרויס געגאָד,
אַראָבגעהן אויף דער ערד
צושטערט,
און אָנקוקען וועט ער דעם חורבן-גרול

מיט שרעק פון אויסגעווייגטע טעג,
מיט זיין „רחמנות אָהן אַברעג"
און אָנקומען וועט ער צו אונז מיט אַ געבעט,
מיט אַ חרטה שוין פערשפּעטיגט, שפּעט,
און שלאָגען וועט ער זיך אין זיין פער׳אבל׳ט ברוסט,
פערשוועכט און מוטלאָזיג, און אָהן בטחון-לוסט,
פאַר זיין גלייכגילטיגקייט—על-חטא...

זאָל קלאָגען דער, וואָס האָט אין האַרץ אַן׳אוצר טרעהרען,
זאָל יענער מילדערן מיט דעם זיין פּיין דעם שווערען,
זאָל יענער מוחל-זיין דעם הימעל און די שטערען,
זאָל יענער מוחל-זיין דער פריהלינגס-זון איהר שיין!
און איך וועל ווייטער שמייכלען: כ׳קאָן נישט מוחל-זיין!

אַ סימבאָלישער חלום.

אַ שרעקליך וועג! אַ דורכדרינגליכע נאַסע קעלט!
אין עצבות שוידערט, אין אַ בייזען טרויער שטאַרבט די וועלט!
פערשאָלטען איז דעריעניגער, וואָס קוועלט
און פערבעהאַלט זיך אין זיין וואַרימען געצעלט!

אין—וועגען שניי. מיט בלאָטע אויסגעמישט—אין וועגען נייע,
צווישען בוימער אויסגעדאַרט—אַ שמאָלע רייהע,
עס ציהט פּאַמעליך זיך אַ יודישע לויה...
פערוויינטע פּנים'ער—אַראָבגעלאָזט,
אַנ'אָבל-ווינד, וואָס יעדען שיין פון טאָג צובלאָזט,
איז אויך אַצינדער פרום מלוה די עגלה ווייטער, ווייטער...

און פּלוצלונג קומען-אָן אַ מחנה רייטער,
בעוואָפּענטע פון קאָפּ ביז פיס.
אַ שטאָך אין רעם, וואָס געהט זיין מצוה-וועג, אַ טייטעל
מיט'ן שפּיז...
אַ שאַרפער סמ'ענדיגער שלאַנגען-ביס.
—איהר פיהרט אַ מת?.. נישט אמת?.. ס'איז געוועהר?...
כאַ! כאַ! דער מת איז דאָך, ניש'קשה, שווער!
און ס'שטעכט דער עלטסטער און דער קעלטסטער איינ'ם
קאַסטען,
אין שוואַרצען קאַסטען טיף אַריין אַ ליך-בליק אַ פערהאַכטען...

מ. בערזשעריזאָן.

אַמעליך הויבט זיך אויף דער בר-מנן פערשטאַרט,
און זעצט זיך שטיל אַוועק...
און קוקט... און וואַרט...
בעטראַכט אַ ווייל דעם זומפיג-בלאָטעדיגען וועג
מיט טויטע אויגען אויסגעלאָשען, אויפגעפענט, בלאַס,
און גיט מיט עקעל, מיט אַ גאַל-פעראַכטונג, כעס
אַ שפּיי אין פּנים דעם, וואָס האָט געלעסטערט איצט
אויף דעם, וואָס אויפ׳ן פערדעל זיצט.
און אַלע, דוכט זיך, הערען, ווי דער מת מיט צייהנער קריצט,
און יעדער זעהט, ווער ס׳איז נישט בלינד,
ווי ערגיץ, הינטער הרי חושך, מיט אַ ווינד פערשווינדט
די שוואַרצע מחנה פון די לעסטערער, די רייטער...

און די לויה ציהט זיך, ציהט זיך ווייטער
איהר שטומען וועג!.. אַ וויינענדיגע נאַסע קעלט
בעהערשט די עצבות׳דיגע וועלט——

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

לייב ניידוס.

בלויע הימלען האָט געהאַט מיין חבר-פרינץ, ווי יונג!
צווייי סאַפירען-אויגען און אין יעדערן אַ שמייכעל-פונק!
יעדער קלאַנג—אַ זונען-זינגענדיגער האַרפען-קלונג!
יעדער וואָרט—אַ זונג!

האָט געלעבט אין בלויע וועלטען ער, דאָס קלאַנגען-קינד!
און געשטראַהלט מיט טויען-ווערטער, בלומענדיג אין מאַי
צוגרינט!
גאָלד און בלויקייט אויסגעפלאָכטען מיט אַ הייסען מזרח-ווינד—
און צוזאַם געשפינט!

פעלדער, וועלדער—אַלעמענס! און ס'זענען אונזערע—אויך דאָ!
האָ, ווי פריי די וועלט איז, און ווי גליקליך בלוי, האָ, האָ!
און ווי זינגענדיג, ווי קלינגענדיג איז יעדע רגע, יעדע שעה!
איצטער איז מיין חבר-זינגער שוין נישטאָ!

ווען ס׳שטאַרבט אין פריהלינגס-

יאָהרען א פּאָעט...

ווען ס׳שטאַרבט אין פריהלינגס-יאָהרען אַ פּאָעט...
דער יונגסטער פונ׳ם דור,
בעגלייט: פון די חלומות נישט-דערוועבטע, ווערטער נישט-
דערריעדט

און פון די קלאַנגען נישט-דערזונגענע אַ כאָר,
ווען ס׳שטאַרבט אין פריהלינגס-יאָהרען אַ פּאָעט—
דאַן פלאַטערט זיין נשמה קלאָר
מיט ווייסע פליגלען פון ענטציקונג יונג אַ פּאָר
אין אייביגקייטען בלויע דרייסט—
און דאָס——דאָס איז די טרייסט:
געווען געבוירען אויף דער וועלט אַ זונען-קינד,
אין גאָלדען וויגעלע געשפּילט,
און איינגעוויגט פון יעדען צאַרטען ווינד,
און ס׳האָט זיין ליד צו זון אַליין געצילט!
און זון—די זון האָט מיטגעפיהלט,
איהר ערדיש קינד בעוואַכט,
אַראָבגעקוקט, און נייגעריג בעטראַכט
און מאַמעדיג און גוטמוטיג געלאַכט:
מעג אומבלאָנדזען, מעג אומשטיפען אין וועלטען אומעטום
דאָס זונען-קינד אין יוגענד-שמערץ, און ספקות פּליקען
יעדע בלום—

דאַן פריה, צי שפּעט,
עס קומט צוריק
צום נאָהנטען זונען-גליק—
דער יונגסטער פונ'ם דור—דער זינגער, דער בן-יקיר
צום זונען-פלאַקער
דער יונגלינג—דער פּאָעט!

ווען ס'שטאַרבט אין פריהלינגס-יאָהרען שטיל אַ יודישער פּאָעט,
געבאָרען
פונ'ם צער און וועהטאָגדיגען צאָרען,
און פון אַ וואַנדער-ווינד צומאָל אַפילו נישט געגלעט,
ווער רעדט פון זונען-לידער און פון זיג!
ווער רעדט פון רעגענבויגען-פאַרבענדיגען גליק!
אַ קינד, וואָס האָט ביים וויג אַ קול פערטרעהרט—
פון וואַנדלען, האַנדלען „ראָזינקעס און מאַנדלען" נאָר געהערט!
דאַן ווערט אַזוי פעראומערט שטיל
ביים אָבל-ברודער פון מלוה-זיין דאָס וועה-געפיהל,
און יעדער קלאַנג איז, דאַכט זיך, אַ פער'יתומ'טער געשריי,
אַ שטומער קדיש-וועה,
און ווי תכריכים ליגט פערטרויערט אָנגעגרייט דער שניי
און——עט,
ווער ווייסט, פאַר זיין נשמה-עלענד ווער עס בעט—
ווען ס'שטאַרבט אין פריהלינגס-יאָהרען שטיל אַ יודישער פּאָעט!

די שוהל פון דער גאלדענער רויזע.

(פראַגמענט).

אין ערגיץ הילכט נאָך הויך אַ שכור'ער געלעכטער ! בגלופין
אַ פאָלק אַ גאַנצעס פאָלק, איצט פייערט נאָך דעם זיג,
פון הייסען בלוט בעזויפט, פון דעם נצחון-גליק !
און ס'בלאַנקען אום אויף חורבות אויסגעשרייען, רופען,
און אָבקלאַנגען פון לעצטער גסיסה און שגעון-רייד !
און כ'ווערט אַריבער אונזער הימעל אויסגעשפרייט

אַנ'אבל-און נבלה-נאַכט,
געזונקען אין דעם גרויזאַמסטען פערדאַכט !
אַ נאַכט—ווי הערצער פון די זיגער שוואַרץ,
אַ נאַכט פון תוכחה, פון מורא'דיגען פיין !
און גוואַלד-געריסען קריעה האָט מיין האַרץ,
און ס'האָט מיין אויג פערלאָרען יעדען שיין,
און ס'האָט מיין בליק זיך טיף אין דר'ערד פערגראָבען

פאַר חרפה און פאַר שאַנד—
פאַר דעם פערשאָלטענעם און קנעכטיש-אומגליקליכען לאַנד !
און וועה ! עס איז מיין האַנד אין קללה נישט געשפאַנט !
מיר האָבען—

איך מיט דיר, מיין ברודער און מיין שוועסטער, זיך געזעצט
אויף דר'ערד

און שבעה-אַש פון גרויען טאָג געפּלעפּט... און הערט:

——— ——— ——— ——— ——— ——— ——— ——— ——— ——— ———

אַ לעגענדע פון דער אַלטער שוהל אין לעמבערג איז פאַרהאַנען,
פון דער שוהל דער גאָלדען רויזעס, וואָס איז יאָהרענלאַנג
געשטאַנען—
אַ לעגענדע אַלט.
קוואַלט אַ לעבען—קוואַלט אַ ליבען: קוואַלט אַ קדושה'ד'גער
גלויבען!
וואַקסט אין נעבעל פון דורות שוין פערגאַנגען הויך דער-
הויבען—
בלייכט אַ מילד געשטאַלט:

גאָלדען רויזע! אַ גביריש און אַ כשר טאָכטער הייליג,
גאָלדען רויזע, וואָס גן-עדן, עולם-הבא האָט אַ חלק,
אַ געצערטעלט בלום!
און ווי פרום איז גאָלדען רויזע, ס'טעכטערל פון אייזיק
דאָזאָר!
און ווער ווייסט, אויף וועמען וואַרט זי—אפשר אויף
אַ גרויסען נזיר
פון דער וועלט אַרום?
און עס שפּיגלען זיך אין הימלען איהרע אויגען-טויבען-שטילע
מיט אַ ווייטער, מיט אַ טיפער, מיט אַ צנועה'דיגער תפילה:
שטראַהלטס צוריק אַראָב!

קוואַלט אַ לעבען—קוואַלט אַ ליבען: בליהען טרוימער- בוימער
גרינער,
און ס'פּערקוקט זיך אויפ'ן מיידעל אַ פערבענקטער בערנאַ-
דינער—
לאָזט אַראָב זיין קאָפּ.
יונג איז ער, ווי יונגסטער פריהלינג—און די אויגען זיינע
שיינען
און פער'שכור'ען דאָס האַרץ איהר, ווי קידושין-קלאָרע ווינען,
ווי דער חופה-חיין!

טרויערט רויזע, בעט זיך רחמים, און די ווענד די הויכע הערען

פון דער שוהל דעם מנחה-אומעט... און געבוירען ווערען טרעהרען

און — — — — —

עס איז געווען אַנ׳אַלטע, אוראַלטע, אַנ׳אייביג שוהל,
אַ מין בית-מקדש אַלט—שוין מעהר זעקס-הונדערט יאָהר,
די לעמבערגער, די אַלטע שוהל, מיט דורות-סודות פול.
אַ מין אַנטפלעקטער חלום אויף דער וואָהר.
און קלאָר האָט הויך געקוקט יעטוועדער פענסטער
אין גאַנג פון אייביגקייט, ווי ס׳קוקען אויגען קלאָר,
נישט אָבגעשראָקען פאַר דעם לויערען פון די געשפענסטער,
אין קדושה איינגעהילט מדור לדור.

אי גרויס, אי הויך, אי שען—האָט אָפטערס ניט געמיטען
די אַלטע שוהל—די קנאה און דעם האַס,
און פון מסירות ווילד געליטען
און פון די יעזואיטען,
פון זייער כעס און שפּאַס.
און מען דערצעהלט—אַמאָל, אַמאָל,
מיט הונדערט יאָהרען לאַנג צוריק,
האָט אַ מסירה ביז דעם מלכות פוילען אַזש דערלאַנגט;
מען האָט פערלאַנגט,
אַז ער זאָל אויפהויבען זיין קול
און גוזר-זיין און וואָרנען מיט זיין וואָרט—
אַז יודען האָבען בויען ניט געטאָרט
דידאָזיגע, די אַלטע שוהל,
וואָס שטעהט מחוץ דעם געטאָ-גבול!
און ס׳האָט דערויף דעם מלכ׳ס שטים געלאָזט זיך הערען,
עס זאָל די שוהל פערוואַנדעלט אין אַ קלויסטער ווערען!..
העלפט קיין טרעהרען, העלפט קיין בעטען, און פעראומערט איז די קהלה;
ס׳איז די שוהל געוואָרען—טומאה פון דער יעזואיטען-טביל ה!

און פערוואָלקענט געהט
גאָלדען רויזע, געהט בשתיקה אין אַ הייליגער פערווירונג
צו דעם יונגען בערנאַרדינער, גיט איהם אב נדן און ציהרונג,
שענקט איהם צאַרטע רייד:
און ער שרייבט צום מלך פוילען... און לייטזעליג הייסט
דער מלך
אָבגעבען די שוהל די יודען! איז די עדה יודען פרעהליך —
איינמאָל שוין אַ פרייד!
קוואַלט אַ לעבען—קוועלט אַ ליבען! פאַלט אַ לעבען יונג, אַ
קרבן!
און עס איז די גאָלדען רויזע—אין איהר טיפען צער
געשטאָרבען,
ווי אַ זון פערנעהט...
יאָהרען הונדערטער דערנאָכדעם איז די אַלטע שול געשטאַנען
מיט איהר נאָמען אַ געקרוינטע,
פון דעם נאָמען גאָלדען רויזע אַ געשוינטע,
ביז—די פלאַמען פון אַ שקלאַפישען ירגזון
האָבען זיך צום שוהל אַראָבגעלאָזען,
פון די צאָרן-ווינטען אויפגעבלאָזען,
און די אַלטע גאָלדען-רויזע-שוהל פערברענט;
איז קיין זכר ניט געבליבען פון די זקנים-ווענד
פונ'ם שאַנד און בראַנד פערלענדט...
ס'איז פון ספרי תורות, רייניגקייטען—אַש געבליבען.
און געטריבען

אין דעם שייטערהויפען פון דער שוהל—אַריין
זענען קדושים אינ'ם יאָהר תרע"ט, אין בלוטען-שיין,
וואָס האָט דערציטערען געמאַכט די הימלען זיבען...
קיין שריד און קיין פליט איז פון פלאַמען ניט געבליבען!
די בלוטען האָבען אויפגעקאָכט...
און פליגלען פון דעם שטן האָבען הויך געפאָכט,
ווען בלוטען האָבען אימה'דיג געשריגען!

און מיט אַ מאָדנעם פערגעניען
האָט שטום די פרעמדע אויג געשוויגען...
און אפשר ס'עמיץ נאָך געשפּיגען,
און, קוקענדיג אין בלוטען אויסגעמישטע פלאַמען,
בעגריסט מיט פרומקייט: „ניעכּושע בענדזשיע פּאָכוואַליאָני"—
עס ברענען יודעלעך, אַ מחיה!..
און וואַרעם, וואַרעם—אַ סכּנה!
און דער, וואָס וואַרעמט זיך, האָט אפשר אויף זיין הויך געשטיגען,
געלאַכט מיט אַ העויה—שוידערליך—פון שקלאַפען פרייע,
און אָבגעענטפערט הויך: „נאַ וויעקי וויעקאָוו, אַמען!"—

פערצווייפלונג

עס לויפט דער שוואַרצער גורל אום פערהוילען און פערשטעלט,
ווי אַ דערשראָקען טכוירל... וואָלקענס הימלען שטעהען
און קוקען צו די מידקייט פון דער גרויסער וועלט,
אין שוידערהאַפטער גליווערונג און קעלט,
נאָך אָנגעטהאָן אין טריטען מלבוש פון די שנייען.

עס איז נאָך נישט פערהיילט די בלוטענדיגע וואונד!
און רונד אַרום אין כשוף-ראַנד די מענשען געהען,
און זוכען אין די אָבגרונדען אַ גרונד,
אַ שטערען—אין דעם תהום פון אויסגעלאַסענקייט און שונד,
אַ פערל-גליק, אַ גליק צופלאַקערט, בונט,
אין די פערפעסטעטע, פער׳סמ׳טע קוואַלען פון דערקוויקונג
און געזונד,
מנוחה-לינדערונג צו גהינום׳דיגע וועהען—
אין חושך-נעכט פערבאָרגענע, געהיימע
פון שרעקען ווילדע אַ רפואה שלמה.
זיי היילען זיך מיט פינסטערניש אַרום,
און גלאָצען צו די שטערענלאָזע הימלען פרום,
און קניהען פאַר דער געצענדינערישער
שוואַרצקייט פון די נעכט,

מ. בראָדערזאָן.

ווען שרעק די צאַרטע פלאַנצונגען פון האָפענונג צוברעכט
מיט לעצטע ווינטער-ווינטען פון פערגאַנגענהייט
פער׳עקשנ׳ט און פערקנעכט...

איך האָב זיך קעגען גורל און מזלות שלעכט
אַוועקגעלאָזט! אַנטקעגען קנעכט—מיט אַ געפעכט!
בעוואָפענט מיט מיין טרוימען-רעכט—
און כ׳האָב, אַליין פערגליווערט זיך אַוועקגעשטעלט
אין יאוש פאַר דעם קיום פון דער וועלט,
פערצווייפעלט אין פערשמאַכט
אין אויסגאַנגלאָזיגקייט פון דור-המדבר-נאַכט——

ווען כ׳האָב דערהערט, אָנשטאָט די אויסגעשרייען פונ׳ם
שטאָלצען ווילען—
פון מענשען אויסבעהעטאָגטע, אַ שטילען
יאָמערליכען בילען!

בעת לעצטע קעלטען.

טעג און נעכט אין אימת-מות-שרעקען גוסס׳דיג פערגעהען;
און עס פיהרען ווינטען אום געפעלטען מיט די לעצטע שנייען,
מיט די שטויבענדיגע שניי-זאַווייען—
דאָרף און שטאָדט, און גאָט און מענש פערוועהען!
דרעהען זיך אין אויר אויפגעוועקטע שרפים-ווינטען

מיט די שטראַהלען-פליגלען אָנגעגורט פון הינטען—
פליקען-אָב דעם ווייסען גליוזער-שלייער פון דער ערד!
ווערט אַ ווײלע ליכטיג, העל און זוניג ווערט.

קעלט און אייז געבראָכען—
פליסען טייכען, ים׳ען פון בטחון,

און עס הערט זיך אַ נצחון-שאַלען פונ׳ם פריהלינגס-האָרן,
און אין הימלען און אין אויגען הויבט זיך אָן צו גאָלדען און
צו קלאָרען,

און פון האַרצען ווערט אַרויסגעריסען
מיט אַ וועהטאָג מיט אַ זיסען,
הינטערוויילעכטס, אויך דער מרה-שחורה-דאָרן,
טיף אין בלוטען איינגעזונקען...

און עס שיט אַרויס די זון אַ בונט פון לאַכענדיגע פונקען,

און געדאַנקען ווערען מיט די שמחה-טרעהרען הייס בע-
טרונקען !

און עס שפיגעלט זיך די יונגע מידע ערד,
פערטרוימט, פערקלערט,

אין שפיגעל פון די הימלען בלויע אויסגעלייטערט,
און עס נעהנטערט זיך אַ בענשונג—פריהער, ווייט דערוויי-
טערט—

מיט דעם שעפער יוגענדליך און אויפגעהייטערט !
דוכט זיך אויס, אַז פון דער ערד דער קאָפּ
צוזאַמען איז מיט הענד אין אַ געבעט דערהויבען
צו הימלען, אין אַ קינדערישען גלויבען,
צום אויבען אויף אין פרייד-דערוואַרטונג, אויף אַ שפּע-
גאָב——

לאָזען-אָב זיך, אויסגעשמידטע פון די קייטען,
איינער נאָכ׳ן צווייטען,
איינער נאָכ׳ן אַנדערן אין ווייטען וואַנדערן—ווינטען איין אין
איינעם—

די אַלטע זלידנע אָבגעלעבטע פּראָסט-נחבלים, ווייסע תאוה׳דיגע
זקנים,

משונה-האָר צולאָזען מיט די פלאַטערדיגע, שמייסענדיגע
בערד,

לאָזט מען זיך אויפסניי מיט רוגזה צו דער ערד
פון דעם חושכ׳דיגען, אימה׳דיגען נעכטען—
און דעם בר-מנן צום קבר נישט געבראַכט,
נישט בעהאַלטען נאָך אין אייביגקייט פון נאַכט...
און עס פּיהרען פריהלינגס-ווינטען אים אויפסניי געפעכטען
מיט די לעצטע פראָסט און שנייען——
טעג און נעכט אין אימת-מות-שרעק פערגעהען !—

ס'גערט קריהע !..

חאָלקענדיגע שווערע הימלען פּלאַצען,
און עס רייסען זיך אַרויס פון זונען-אוצר קוואַלען שטראַהלען,
ריינע גינגאָלד—פאַלען זיי און פאַלען
צו דער ערד, און ווערען אין מיליאָנען שמייכלען וואו
פערפאַלען !

פויקען פריהלינגס-פויקען ! קלינגען זילבער-טאַצען !
עפענען זיך אויף די לאַנגע, ווייטע בלויע זאַלען,
וואו עס וואוינען פריהלינגס-ווינטען אין די מקלט-ווינקלען ;
און עס הויבט מיט גלאַנציג גרינקייט אָן צו פינקלען,
מיט די גרינ'ז לאָקען זיך צו קרויזען,
מיט אַ גרינעם רוישען רונד אַרום צו ברויזען...
אַלץ איז הפקר ? אַלץ איז גאָרנישט—שאַלעמויזען !
יום-טוב אינדערוואָכען ! אַ מחיה !
מענשען פרייע ! מענשען ליבליכע און טרייע ! מענשען נייע !
מענשען אויסגעצירטע—יעדערער אין עסיג און אין האָניג !
און די צאַרטע ווינטען זינגען פרום בציבור טויזענד-טאָניג,
און אין שטראַהלען-פאַליעס קוילערן זיך צאַפּעל-מענשלעך
און פּאַיאַצען—
האַנדלען, וואַנדלען, גליק צו זוכען און צו שאַצען..
און אין לענג און ברייט

קראַכט און דונערט: קריהע געהט! קריהע געהט! קריהע געהט!
און אויף אַנ'אייזבאַרג עמיץ שטעהט,
אַנ'איינזאַמער, פער'עקשנ'טער פאַיאַצעל,
מיט האָר און באָרד צושויבערט—
אַנ'אַלטיטשקער, פון גורל זיינס פערצויבערט,
און הערט זיך צו צום פרוהלינגס-רוישען פון דער וועלט,
און טרייבט פון זיך מיט שפּרוכען אָב די קעלט!
דער טייוועל ווייסט, ווער ס'איז איהם פון דער טויט-סכנה מציל...

און ס'פּלאַצען-אויף די גרויע אויפגעשמידטע טייכען,
און רייסען זיך ארויס פון איינגעצוימטע ברעגען!
דאָס ביסעל אייז-פערמעגען
הויבט-אָן מיט קרעכצען און מיט שוידער-ציטערן זיך דרייסט בעוועגען,
און לאָזט זיך ווייט מיט ווינד און וואַסער-שטרוימען,
מיט אויפגעקרייזטע גאָלדען-געלע שוימען
צו געהן און יאָגען זיך, און שלייכען
אין וועג אין גלייכען צו דעם ברייטען פריהלינגס-ים—
און קריהע געהט און געהט!
און זעגען בריקען איהר אין וועג אַ צאַם,
דאַן רוימט זי זיי פון וועג אַראָב און שלעפּט זיי מיט,
און דרעהט און וואָרצעלט אויס די אַלטע זיילען פונ'ם גרונט אַרויס
מיט נאָך אַ גבור-שטויס, מיט נאָך אַ שטורם-שטויס...
און ס'ברילט דער פלאַצענדיגער אייז זיין ווילדע דונער-ליד,
אויף מיל-מילאַסען מיילען ווייט צוציהט,
און אייז און וואַסער שפּליטערן צושיט—
און ס'קראַכט און טרייסעלט זיך אין שוימען-זוימען יעדער באַרג,
און וויגט זיך אין די ברוינע פאַליעס אייזען-שטאַרק.
זיי שפּרינגען איינע אָן אויף איינע—
די קליינע אויף די גרויסע, און פערקעהרט,

מיט חוצפה גרויס געמעהרט —
די גרויסע אויף די קליינע...

אָט שווימט אַ לייכטער ציטערדיגער בערגעל אייז;
און אויף זיין קאַרק מיט שניי בעדעקט נאָך ווייס,
אַ גרייז מיט באָרד און פאות גרויע ציטערט;
און בלייך, דערשראָקען-בלייך איז ער, דער גרייז;
אָט באַלד פערלירט ער אונטער זיך דעם באָדען!
די קריהע ווערט, חלילה, באַלד צושפליטערט!..
און קוקען ווייט, פ אַ ר ש ר ע ק א י צ ט, ווייכט ער
און האַלט דעם אָטעם איין, בכדי צו ווערען גרינגער, ל י י כ ט ע ר,
און זוכט אין זיך—ביי וועמען רחמים בעטען?
מיט וועלכען טריסט-געפיהל זיך זעטען?
צו וועלכען פריהלינג נאָך, אַ שטייגער, געהן זיך לאָדען?

און ס'פליהען אום אין דעם ווירוואַר דעם בלאָהען,
אין שטראַהלען-פּאַליעס אום,
און קרויזען א י ה ם אַרום,
פאַר פריהלינגס-זון דערשראָקען,
אַ מחנה הונגעריגע, שוואַרצער שוואַרץ נ ב ל ה-ק ר אָ ה ע ן!
—הו—ר—ר—ראַ! הו—ר—ר—אַ—אַ!

מען פאַלט-אַרום דעם זקן,
מען פיקט און צופּט זיין אויסגעמאַטערט גוף,
און ווייט, אין אַרבע פנות עולם ווייט,
איצט בלאָנקעט-אום זיין וועהטאָגדיגער, יאוש'דיגער רוף!
און קיינער ווייסט ניט, וואָס זיין זיפץ און קרעכץ בעדייט!
צי אפשר מאַכט זיך קיינער גאָרנישט וויסען,
און וויל נישט מפסיק-זיין דעם בלוט-געניס דעם זיסען!
אַ חילוק—נאָך אַ שטיקעל אַלטע לייב פון גלות-קערפּער
אויסגעריסען!

— — — — — — — — — — — — — — —

—עס טוט דיר וועה, מיין אַ ל ט ע ר ט ר ו י ם?!
וועה מיר! עס ברויזט אַ ים פון אַנגסטען-שוים!

און ס׳קוילערן זיך פּאַליעס געלע, בּרוינע, מידע, פוילע,
און ס׳איז מיין אַ ל ט י ט ש ק ע ר מסופּן...
און קראָהען צופּען איהם און צוקען,
און ס׳קרעכצט מיין אַלטער טרוים—מיין פאָלק! ר׳איז
איצט אַ חולה,

און ווייט, אוי, ווייט איז נאָך דאָס מאָרגען-לאַנד
פון האַס און שאַנד...
און קריהע געהט איהר ווייטען פריהלינגדיגען וועג
אין ווייטען ברייטען ים אַוועק—
און הערצער פרעמדע זענען פוסטע, הוילע!
און הערצער פרעמדע זענען וויסטע, הוילע!—

צופרצ׳ן.

—דו ביזט אַוועק אין לאַנד פון אייביגקייט און שטילען שווייגען,
דו ביזט צו זיך אַוועק אין ענדלאָז ווייטען לאַנד!
און כ׳זעה דיין גייסט, צו בלויקייטען זיין פליגעלדיגען שטייגען;
און עמיק, זעה איך, טוליעט זיך צו דיר, און פליהט מיט דיר ביינאַנד,
און האַנד ביי האַנד, און גייסט ביי גייסט, איהר פלאַטערט ביידע,
בעגלייט פון טענער-זיפצען אויפגעציטערט קוים:
זיי יאָגען זיך אין שטראַהלען-גאָלד—אַ שימערירענדיגע עדה,
און יעדער טראָגט מיט זיך אויף פליגעלעך אַ טרוים...
די שכינה פליהט עס מיט! און קלאַנגען-זיפצען שלייפען,
בעפערלטע מיט טרעהרען פון קדושה׳דיגען גלות-צער,
מיט קלאַנגען אָבגעריסענע פון האַרפען פון די בבל-טייכען,
אויף צווייגען אויפגעהאַנגענע, אויף צווייגען הויקערדיגע, אַלט און דאַר...
אַ, דו ביזט ווייט אַוועק אין לאַנד, וואו שווייגען-קוואַלען שטרוימען!
אַ, דו ביזט ווייט אין וואָלקען-בלויקייטען אַצינד!

און כ׳ציה איצט אָן די זעגלען פון מיין פאָלקס-געבענשטע
טרוימען,
און כ׳לאָז זיך אין די לעבענס-שטרוימען מיט אַליאַדען ווינד.
—העי, טרייבט, איהר ווינטען, אָן אַהין, וואו ס׳ווערט
געהייליגט אַלדאָס בלויעס,
וואו גרויקייט ווערט פון טרייסט-געפיהל צוגאַנגען שטיל.
ס׳איז שוין געשעהן! זיי וועלען נאָך געשעהן די נסים
ונפלאות—
דער גייסט פון משה׳ן און פון דיכטער זעהט פון
באַרג דער מאָרגען-ציל!—

תענית-צבור.

(כ׳ סיון, תר״עט).

עס האָבען איבער בערג און ים׳ען זיך נשמות אויסגעשטרעקט,
פון שווערען הינערפלעט דערוועקט;
און ס׳האָט אַריבער אונזער וועלט דער טריבער,
און איבער אַלע עק-וועלטען און ערד-טיילען אַריבער,
אַ פיבערדיגער רוף צום תענית-צבור
זיך דערהערט.

אַ הייסע זון געגליהט האָט איבער אונזער ערד,
און אום-אַרום האָט זינגענדיג געבליהט:
מען האָט מיט יום-טוב׳דיגען האַרצקלאַפּען געוואַרט
אויף ס׳ניי גערעטעניש—דעם ערשטען שלום-שניט!
ווי נאָך אַ שווער חולאַת האָט די ערד געאָטעמט צאַרט,
און ס׳האָט דורכאויס די שווערד אין שייד זיך
אומגעקעהרט,
און בעלי-חלומות האָבען איבערשמידען זי געקלערט,
צום אַקער-אייזען,
מיט ברידערליכקייט זייער גבורה צו בעווייזען— — —

און וועה! און וועה!—
איבער אונזער גורל איז געלעגען גלייכגילטיג דער שניי,
און איבער אונז האָט נאָך דער שטן אין זיין מאַכט
געלויערט.

די שכינה האָט אין גלות-אָבריכטען געטרויערט
איהר טויזענד-יאָהרעדיגען טרויער, וואָס ביז איצט געדויערט.
זי האָט פערבראָכען איהרע צאַרטע פליגלען-הענד
אין גרעניצלויזען וועהטאָג און אין קלעמען...
—ווער ווייסט, צי וועט זי נאָך אַמאָל בעפרייט די הענד
צונעהמען!

מען האָט נאָך אַלץ גע'רודפ'ט און געשאָכטען און
געברענט.
מען האָט נאָך אַלץ די קדושה אונזערע געשענדט,
א'ן ביז אַצינדערט האָט מען אין די פתום-ורעמסס-ווענד
דאָס לייס פון אויפבויען מיט אונזער בלוט געקנאָטען!
און וועה! און וועה!—מיר האָבען זיך געשטעלט
אַנטקעגען שטן
מיט תשובה-תפלות, מיט'ן תענית, מיט דאָס אַלט געוועהר,
מיט הערצער אויסגעלעד'גט, שווער:
„וה' ישלח לנו עזרתו להביאנו
„אל המנוחה בארצות פזורנו—
„ואל נחלתנו
„בארץ אבותינו"— —
און מיר—מיר האָבען פאַר די פרעמדע זינד געשלאָגען זיך
„על-חטא," צוזאַמגעהאָפטען אין איין-איינציגען געבעט!

דער שופר של משיח!

פון טויזענד־יאָהריגען פערשטאָפּטען שופר־האָרן
איז מיט אַ בליצען־פלאַם, אין הימלען שניידענדיג, אַרויס
אַ קול־מבשר,
פון האָרן דעם פערלאָרענעם און קוים געטרוימטען
טויזענד יאָהרען,
פון אַלטען שופר גרויס—אַריבער טריקעניש און וואַסער—
אַ בת־קול־ווייט אַריבער באַרג און ים,
אַ בת־קול—אַ וואולקאַניש פלאַם,
וואס האָט די הערצער אויסגעלאָשענע דערפלאַקערט צו
דעם זיג,
וואָס האָט בעלויכטען צו ענטפלעקונג יעדען בלינדען בליק,
וואָס האָט אַריינגעדונערט אין יעטווידער טויבען אויער,
און אָבגעהאַקט, ווי מיט אַ נס דעם בייזוויליגען טרויער—
דעם גלות און ירושה־טרויער...
און ס'האָט פון אורקוואַלען אַרויסגעקוואַלט,
און פון מרחקים, פון דער ווייטסטער ווייטעניש האָט
שטורמדיג געשאַלט:

—מיר זענען—מיר!

און אויפגעעפענט האָט זיך שטיל אַנ'ערדיש טיר
פון דעם בית־לחם־קבר, האַלב־געזונקען, אַלט,
דער קבר פון די טרעהרען אָהן אַ שיעור געזאַפט,

די טיר, צו וועלכער ס׳האָט יעטווידער טרייער זוהן געקלאַפּט,
אין טיפען צער געהילט, אין אימה׳דיגע זאָרגען...
און פּלוצים האָט אַרויסגעזונט פון דאָרט אַ נײַ פריהמאָרגען,
און ס׳האָט זיך אונז אַנטפּלעקט דאָס יוגענדליך געשטאַלט
פון אונזער א י י ב י ג ע ר פערבענקטער מוטער
אַרויסגעשטראַהלט,
און ס׳האָט צום ערשטען מאָל אַ לײַטזעליגער, גוטער,
אַ גוטמוטיגער שמייכעל אויף די לעפּצען איהר געשפּילט,
ווי פריהלינג-ערשטלינג-שטראַהלען מילד!

און ס׳איז אַנטקעגען יונג-פערעלטערטע און אַלטע
יוגענדליכע קינדער,

די מוטער מיט׳ן פריהלינג-יונג אַרויס.
און ס׳איז די שמחה, ווי אַריין אין יעדען הויז,
און ס׳האָבען אויפגעטאַנצט די בערג, ווי אינדען,
און טאָלען, ווי די שפּרינגענדיגע שאָף און רינדער...
און טייכען, ימים האָבען אָנגעהויבען פליסען ברויזענדיגער
און געשווינדער,

און ס׳זענען לויטער אויסגעלייטערט פריי געוואָרען שטערט,
פון דעם דערבאַרעמדיגען, ווארעמדיגען פריהלינגס-גלעט!
און בלינדע האָבען זיך אַרומגעקוקט אין גרויס
פערוואונדערונג צום ערשטען מאָל,

און אויפגעקלונגען האָבען ביי די ש ט ו מ ע—שטימען קלאָר,
און ס׳האָט אַ פיל-מיליאָנענדיגער כאָר
געזונגען אין האַרמאָנישען געבעט!..
דער נייער פריהלינג האָט מיט טאָגען-אָנזאָגען געשטראַהלט.
דער שופר האָט געשאַלט
די אויפלעבונג פון לעצטען יונגען דור.
און ס׳האָט די גאַנצע ערד מיט בלומען-בליהעכטס זיין פערדעקט,
מיט גליק און פרייד פערשמעקט,
און טויטע האָבען אין די קברים זיך געוועקט,—
די אונטערערדישע געהיימע קרעפטען—

און ביין מיט ביין האָט זיך געטהון צוזאַמענוואַקסען און בעהעפטען,
און ווייט געקרילערט זיך צום עולם-הבאָ-וועג,
און ווייט אַוועק פון דער פערגעסענהייט און שרעק...
און פון די הימלען זענען אויך די וואָלקענס—וואו אַוועק?!
און ליכטיג און אומזינדיג האָבען זיך געביטען טעג נאָך טעג,
און ס'האָט אויפסניי דאָס געטליכע און דאָס נבואה-וואָרט געבליהט
אין יעדען הויך, אין יעדען ליד,
אין יעדען הללויה-שיר!
—מיר זענען—מיר!
—מיר זענען—מיר!
האָט וועלט אומפליהענדיג דער שופר הויך געשאַלט,
און טיר און טויערן פון ענגע תפיסות-הערצער אויפגעפראַלט,
געטראָגען האָט זיך ווייט דער פלאַמענדיגער קול,
אַריבער באַרג, אַריבער טאָל,
אַריבער פרעמדע פעלד און וואַלד———
און באַלד—האָט אויך אַ טרוימער, איינגעשמידט אין עצבות-קייטען,
געוואָלט די פליגלען פון חזיונות ברייט צושפרייטען,
און פליהען ווייט געזאָלט,
בעגילט מיט זונען-גאָלד...
נאָר ס'האָט די משא פון דעם נאָהנסטען עבר שווער
אַרויסגעפייכט ביי איהם אין אויג אַ מידע טרעהר,
און צו דעם מזרה אויסגעצויגען, אויסגעשטרעקט די הענד
האָט ער זיך שטיל מיט אַ שהחיינו-ברכה צו דער פריהלינגס-זון געווענדט...

פון קאַלטע הימלען.

פון קאַלטע הימלען האָט מיט זון זיך דרייסט אַרויסגעריסען
אַ בשורה-שטראַהל פון געטליכֿען געוויסען,
אַדורכֿגעשפּאָלטען אַלע וואָלקענס פון דעם מורא׳דיגען צער,
אַדורכֿגעדרונגען יעדעס האַרץ אין שמחה-ציטער,
און ס׳האָט אַ טרוים אַ צייטיגער, אַנ׳אויפגעבליהטער
אויף צווייגען אויסגעטריקענטע און דאַר און קוואַר
פון גלידער אויפגעדרעהטע, פון נשמות ביטער,
אַרויסגעשפּראָצט די ערשטע אויסגעהאָפטע פרוכט.

און וואויל צו אונז, און וואויל צו דעם, וואָס האָט געזוכֿט
און האָט זיין חלום פון דאָס זונען-גליק געשפּונען,
אין טויזענד-יאָהרעדיגען וועג פערפלוכט—
און וואויל איז דעם, וואָס האָט דעם וועג צו זיך
געפונען!

פין קאַלטע הימלען האָט מיט זון זיך דרייסט אַרויסגעריסען
אַ בשורה-שטראַהל פון געטליכֿען געוויסען,
אַ שטראַהל פון גאָט דעם אַלטען, דעם פערגאַלטען——
און גלייך צוריק—אין הימלען-הויכֿענישען זיך בעהאַלטען!

בלוט בליהט!

(דעם אָנדענק

פון א. ווייטער).

אין די וועלדער, אויף די פעלדער האָט מען טייכען
אויסגעגאָסען,
קוואַלען גאַנצע פון קרבנות-בלוטען אָבגעשלאָסען!..
יאָהרענלאַנג געגאָסען האָט מען פורפור-רעגען
איף די וועגען, אויף די שטעגען,
איבער אַלע מאָסען, איבער אַלע ברעגען,
און דעם הימעל, און דעם בלויען
אויסגעצירט מיט רויטע, רויטע טויען...
איז אַצינדערט בליהענדיגער מאַי!
בליהען אַלע שפּראָצונגען און בוימער, אַלע בלומען פריי—
בליהט די דרייסקייט און דער מוט,
בליהט אַצינדערט אויך דאָס בלוט!
און די רויטע, צונטער-רויטע פאַרבען שריַיען,
און עס ליאַרעמט אונערבאַרעמט מיט די קולי-קולות
יעדער רעיון,
און מחשבות פונ׳ם טרויער מיט די בלוטען שפּייען
איצ׳ם שווינדזיכטיגען זינגען פון אַ ליאַדע ליד:
בליהט בלוט! בלוט בליהט!
קאָכט און זידט! זידט און בריהט!
העי, אַ שיפעל גיט מיר, וועל איך אין די בלוטען שווימען!

וועל איך אויך פֿאַר וועלטען זיך בעריהמען—
פון די שווערע קין-קייטען אויסגעבונדען,
וועל איך שיטען זאַלץ אויף פריש און אַלטע וואונדען!
כ'וועל מיט עקעל זיך, ווי איהר, פערקרימען,
פרומע לייט! וואוילע לייט!
מיט די רודף-שלום'דיגע שטימען!..
כ'שווים! איך פאָהר שוין! אָן אַ זייט!
כ'האָב די תורה אייערע פערדייט! גוט פערדייט!
ווייל—מ'שטיינסגעזאָגט, רבותי,
מענשען-פריינד, צדיקים גרויסע—
כ'בין פון אייך בעפרייט!

און כ'קאָן קיין אָרט זיך נישט געפינען.
אומעטום אַ נעצען-שפינעכטס שפינען,
אומעטום—אַ העשענדיגער און אַ פרייד-געלויער
אויף מיין בונטען, רעגענבויגענדיגען טרויער!
אומעטום—אַ זיס און זויערער, אַ ביטול-שמייכעל
פון דעם עולם-הבא אויסגערעכענטען פערדרעהטען שכל,
אומעטום—די פנים'ער פון אויסגעקרימטע שקלאַפען,
נישט געוועהנטע צו דער זון, מיט העזה גאַפען!
יעדערער פון זיי פֿאַר גאוה אַזש אויף הינטער אויסגעבויגט,
יעדערער מיט תאוה זיין נצחון פויקט—
אַזש עס פּלאַצט דאָס לעדער אויפ'ן פייקעל!
יעדערער פערגעהט זיך אויף זיין חזיר-כשר-פיסעל ביי'קול!..
שטעכט מיט די פינגער אין די אויגען גלייך:
—זעה, אַ בוגד געהט דאָרט! ווייך איהם, ווייך!

און דאָס האַרץ בעשלאָגען ווערט מיט אַנגסטען-בלוטען,
און פון מעשיות נישט געשטויגען, נישט געפלויגען,
שטרוימט דאָס בלוט אַרויס פון טרויער-אויגען!
און די וועלט אין רויטען שלייער ווערט פערצויגען,
ווי אַ פורפור פאָרהאַנג קוים בעוואויגען,
ווי אַ ריזיג-גרויסער באַלדאַכין.

באַלד! איין רגע נאָר! נאָך עטליכע מינוטען!
און ס'וועט דער פאָרהאַנג זיך מיט רעש דערהויבען—
גלויבט, ווער ס'האָט אמונה נאָך! ווער ס'קאָן נאָך גלויבען!
ב אַ ל ד וועט זיך אַנטפּלעקען שוין דער אויבען-אָן, דער
אויבען!

ב אַ ל ד וועט יעדער וויסטער חלום זיך צושפּליטערן,
צושטויבען,

ביים סאַמע אָנהויב פאָרשטעלונג—ב יים יום הדין!
און דערווייליגע בליהען די געבליטען!
און עס פאַלען רויטע טרעהרען פון פערצווייפעלטע געמיטען,
און עס שיטען זיך די פלאַטערדיגע בלעטעלעך פון בליטהען
און עס פליהען רויטע שטערען! רויטע טרעהרען—
אין'ם מאַי, אין זינגענדיגען העלען
פאַלען און פערפאַלען ווערען רויטע קרעלען!..

זאָל איך, ווי אַלע אַנדערע, זיך איצט פערשטעלען?
אויסטהון באָרד און פאות און... דעם צלם אלקים?
אויסווייקען אין לאַקריץ-זיסקייט דינעריש מיין שטים?
אויסהילצן פון טרויער מיינע אויגען,
און אין דרייען פאַר דעם עתיד-לבוא-גען זיך טיף פערנויגען?
פאַר אַנ'עבר זיך אויף אייביג שוין פערדינגען,
אין אַלויבגעזאַנג צום שקר זיך צוקלינגען,
שירות ותשבחות זיך אַליין אויף צו להכעיס זינגען?
זאָל איך עס אין איינזאַמען, אין ווילדען יאוש טהון?
ווי ה ו י ב ט מען ס'אָן?..

בליהען רויטע פייערדיגע בלומען!
בליהט דער פלאַקערדיגער מאָהן!

און דער צער האָט איצט אין זיינע קלעמען-צוואַנגען,
און אומ'אַרעמונגען פון די שלאַנגען,
מיט די שרעקליכסטע חלומות, פאָרגעפיהלען און געזאַנגען
מיך אַרומגענומען! מ י ך אַ ר ו מ ג ע נ ו מ ע ן?
—העי, אַ שיפעל גיט מיר, וועל איך פון מיין צער אַנטלויפען!

װעל איך בלוטען-פּאַליעס שנײדען!
װעל איך גוסס'ן! און אפשר אויסגעהן אין די לײדען!
װעל איך װײספּעלעך פון מײן נקמה מײדען!
װעל איך לױפען אויף אַנ'אײנזאַמסטען, אַ שאָטען-אופן

געגען שטראָם! און מיט'ן שטראָם אַראָב!
לױבען יעדערענס נדבה-גאָב,
גינציג דאַנקען פאַר רחמנות'דיגע שמײכלען גוטע,
פאַר אַ צדקה-שמײכעלע, און פאַר אַ פּרוטה—
אָבטרעטען די װעגען יעדען ראָב!..
און פאַר הימלען װעל איך אויסגיסען מײן צוטרױ-טענה:
—יאָ, געװיס, די גאַנצע װעלט איז מײנע! מײנע
װאו-זשע שפּאַרט מען צו דעם קאָפּ?

העי, אַ שיפעל גיט מיר, װעל איך אין דעם ים דעם רױטען,
אין דעם ים דעם אײגענעם מיט האַק און פּאַק,
מיט מײן אײגענס, מיט דעם אַש אַ זאַק—
מײן ליבע צו דער װעלט דערטױטען!..
איך װעל אין בלוטען אײגענע זיך הפקר שװימען לאָזען,
װען ס'זענען אײדעל-קינדעריש און תמימות'דיג אַזױ די גראָזען
אין גרינעס, ראָזען, צאַרטען בליהענדיגען מאַי!
סײ-װי-סײ
דערעסען האָט די קעלט:
צו זײן אַ שעיר לעזזיל פאַר דער גאָר'ער װעלט,
און אײביג פון דער זון פערשטעלט— —
װען אַלעס שפּראָצט און בליהט!
װען ס'בליהט דאָס בלוט און זידט—
זאָל אויך מײן בלוט, צורעגענט אויף די אַלע װעגען,
און זידען הײס, און אויפבליהען, זיך הױך בעװעגען,
און שרײען אויפ'ן קױל—
אַז ציטערן פאַר חרפּה זאָלען הערצער—שטײן און שטאָהל,
און מיט א יראה גרױס, אין אויפװאַכען, די אײביגקײט
דערמאָהנען!

דעם פייער-זייל! דעם עמוד-ענן
פון אַ מאָל!

— — — — — — — — — — — — —

איך זינג מיין בלוט-און טרעהרען-קלינגענדיגע יאוש-ליד,
און בלוט ווייסט גאָרנישט! בלוט בליהט!
בלוט בריהט! בלוט זידט!
כ׳הער נאָר קולות נאָהנט און ווייט...
זיין-זשע שטילער איצטער אַלע: בלוט שרייט!—

דער עלענדסטער.

עך איז אַן׳עלענדער צװישען זײ אַרומגעגאַנגען,
אַ סודות׳דיגער, אונבעמערקטער, מיט אַזעלכע שטילע שטומע טריט...

אַ מיטעלװאוקסיגער, בלויאויגענדיגער יוד,
מיט בליקען זוכענדיגע, הייס-רחמנות׳דיג צוגליהט—
אין פרייד און טרויער פון די זעלנערשע געזאַנגען!
און פון די ליידענשאַפטען זייערע געפאַנגען,
אין צער און פיין האָט ער דערמונטערונג פאַר זיי געזוכט...
און טרייסט פאַר מקריב-זיין זיך, האָט זיך איהם געדוכט,
ער האָט פאַר זיי אין קוואַלען פון זיין גלויבען!..

און ס׳האָבען הויך (פון מענשען, פערד און װעגען אויף אַלע וועגען)
זיך געהויבען ווירבעלדיגע, שטורמדיגע שטויבען
פון אויגען-בלענדעניש און אימה׳דיגען האַס!
און ס׳האָט זיין בזיר׳שער, זיין וועזען צאַרט
זיך צוגעקוקט, ווי ס׳ווערט פון מורא׳דיגען כעס
געשרומפען יעדעס האַרץ און אויסגעדאַרט,
פערקיהלט און איינגעשטײנט...

ער האָט געוויינט! אַ הילפלאָזער—געוויינט,
ווי ס׳וויינט אין פרעמדקייט אַ פערבלאָנדזשעט קינד!
ער האָט געוויינט, ווייל ס׳זענען נסים נישטיג קליין געווען,
בשעת עס איז אַזוינס געשעהן,
ווען—מעכטיגער פון נסים איז די זינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און עמיץ פון המון האָט איהם דערזעהן,
און האָט פערווילדעוועט און בגילופין
אין מיטען זינגען אַ פער׳שכור׳טע נקמה-ליד
פער׳חידוש׳ט אויסגערופען:
—„וואָס פלאָנטערט זיך צווישען אונז דער ייד?..
ער שפירט אונז נאָך אויף יעדען שריט און טריט!..״

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ס׳האָבען זיך געביילטע פויסטען אויפגעהויבען,
גרייט צום רויבען:
—„צושטויבען דאַרף מען איהם, צושטויבען!״
—„און גלייך! אָהן שהייות! אויפ׳ן אָרט!״
—„די ביינדעלעך צוטריבערן! אויף פיצלעך איהם צוקלויבען!״

און ער... ער איז געשטאַנען טיף פערזינדיגט איינגעבויגען—

אַ שוואַכע גרעזעלע, געבויגען פון דעם קללה-ווינד,
איינגעזאַפט אין זיך פון אַלעמען די זינד,
צו דר׳ערד אַראָבגעלאָזט די בלויע רחמים׳דיגע אויגען,
מיט ליפען—פון זיין צער—פערביסען,
און נישט אַרויסגעלאָזט אַ זיפצענדיגען וואָרט—
אַ זייל פערגליווערטער געוויסען!
און עמיץ האָט פון איהם דעם מלבוש שוין געריסען,
און עמיץ האָט מיט שפּאָט געצופּט זיין העלע באָרד...
און עמיץ האָט געבראָכען און געדרעהט די בלייך-געקרייצטע הענד...

ער איז געשטאַנען אינ׳ם שיין פון ליידען איינגעשפונען,
פון דערנער-נעגעל איינגעבלוטיגט און פערטרעהרט,
אַנ׳אויסגעפייניגטער, אַנ׳אָבגעריסענער,
אַנ׳אָבגעשליסענער— —
און האָט זיך צו זיין אַלטען צלם אומגעקעהרט...
און איז פון זיי, פון דעם המון אַנטרונען—
פון קיינעם נישט דערקענט!
פון קיינעם נישט דערקענט!—

פריהלינגס-גלגולים.

ותאמר אליהן אל תקראנה לי נעמי,
קראו לי מרה   (רות)

וואו זענען זיי, די טעג און נעכט, די שענע?
וואו זענען זיי, די תכלת-הימלען, אויסגעלייטערטע, די ריינע!
די צארטע ווארימקייטען פון די ווינטען יונג?
פאר אונז האט עמיצער ארויסגעשטעקט א גיפטיג צונג,
און יעדער טראט פון פריהלינג, יעדער קלאנג
איז ווי דאס קריכען אויפ'ן בויך פון גרינעם קלאפער-שלאנג!
פאר אונז איז אנגעקומען איצט דער פריהלינג, ווי א זקנה,
א באבע יאכנע, א מרשעת ווילד,
מיט בלוטען אויסגעקיהלט,
אהן חיות אינ'ם מארך און ביינער,
אנ'איינגעהויקערטע, מיט אויסגעפוילטע צייהנער,
מיט א פערקריפעלטע, פערוואלקענטע העויה,
און פון די הענגענדיגע ליפען טריפט איהר שמייע,
און יעדער שמייכעלע איז איהרער—סם-המות,
וואס טרייבט מאוימ'דיג קאטאוועס,
וואס ביטער איז, ווי גרינער גאל.
און פחד קוואלט פון יעדען אויפגעוועקטען קוואל,
און אימה קוקט-ארויס פאר אונז אין יעדען
שטראהל,

און בייזער, שוואַרצער כשוף שיקט פערשאָלטענקייט צו אונז!
בעווייזט דאָס עמיצער די שוואַרצע קונץ—
אַ כּת-לצנים און נישט-גוטע קרום און לאָם?
צי זענען עס די אייניקלעך פון סדום?
אַז קיינער זאָל נישט קענען זיי,
און זייער קללה׳דיג אַרומגעדרעה—
ימח שמם!

עס טהוט מיר וועה! צו אַלדי רוחות—ס׳טהוט מיר וועה!
און נאָך אַ ביסעל וועל איך אויסזיפּצען אַ ווילד-געשריי!
און נאָך אַ ביסעל—וועט דער קאָפּ בעדעקען זיך מיט שניי—
אין אָנהויב פריהלינג—ווערען ווייס און גרוי,
בשעת פאַר אַלע, אַלע זענען זיי, די הימלען זוניג-בלוי!
בשעת פאַר אַלע ווערען הימלען פרייער, העכער!
בשעת עס גיסט זיך גליק אַריין פאַר יעדערן אַ פולער בעכער!
און יום-טוב הערשט אין יעדען שטוב און הויז—
בין איך פערשאָלטען—אַ פּערוואָהרלאָזט קינד—
אין מיטען העלען טאָג פערציטערט, אומצופליהען בלינד,
ווי אַ דערשראָקען פלעדערמויז,
און מיט שרעק פערשטעקען זיך אין שימעל-לעכער,
נישט וויסענדיג פון ליכט, וואו עקדישען נאָר ווימלען,
און מורא האָבען הויך צו קריצען מיט די ציינער,
ווייל ס׳קאָן דאָך זיין—מען וועט פערוואַרפען מיך מיט שטיינער,
ווייל ס׳קאָן דאָך זיין—אָט, פאַלען זיי אויף מיר, די דעכער!
אָט, פאַלען זיי אויף מיר, די הימלען!
אָט קוילערט זיך אַ גיפט-געלעכטערל, אַ פרעכער,
בשעת פאַר אַלע ווערען הימלען פרייער, העכער,
בשעת—עס רינגעלט מיך אַרום אַ שוידערהאַפטער רויטער וואָרים,
אַרויסגענאַרט זיך פון צושאָטענע, צופוילטע קברים,
פון אַ פערגעסענעם, אַנ׳אַלטען צווינטער,

אַ בייזער גרוס פון לעבעדיגען ווינטער !..
און ס׳קלאַפּט מיין אָריה האַרץ פון זיין בעריהרונג,
אַנ׳אָבגעהלש׳טע אין שרעק-פערווירונג !

און דאָס זאָל, הייסט עס, זיין די פריהלינגס-פרייד, וואָס היילט,
פאַר דעם, וואָס איז צו אייביג זיין דערוועהלט ?!
און דאָס זאָל זיין מיין דערנער-קרוין און צירונג,
ווען ס׳וויל אין ליבשאַפט צערטלען איצט די וועלט-מיין אָרעם ?!

אַיאָ ! אַזוי איז׳ס, מן-הסתם !
אַיאָ,—אַזוי איז, מן-הסתם, בעשערט !
נאָר מוט, מיין האַרץ ! זאָל ווערען אין ריין טיפעניש פער-טרעהרט,
מיט נסים, ווי דו קאָנסט אַ צויבערהאַפטען פלאַם
פון ליבע גרויס געבוירען,
וואָס זאָל אַרומנעהמען, אַרומכאַפּען די מידע ערד,
און אויסראָטען איהר האַס און צאָרן !
און שאַלען הויך און פריי זאָל פריהלינגדיג דער האָרן!
און וועקען טרייסט און ליכט
אין יעדען אויסגעווינטערט בלייך געזיכט !
און שיינען זאָל די זון נאָך הייסער, העלער
אין יעדען שטיבעל קליין, אין יעדען קעלער,
ביז צו דעם סאַמע העכסטען גאָרן !

העי, שרצים, ווידמונגען און עקדישען און שלאַנגען—
אַרויס פון די בעהעלטענישען-לעכער !
אַרויס פון אונטער סטרעכעס, אונטער דעכער
צו זון, וואָס איז אין די קרבנות-בלוטען אויפגעגאַנגען !
העי, שדים, לאַפּיטוטלעך, שרעטלעך,
מיט יחוס-בריף, מיט יחוס-צעטלעך,
טייוואָלים, עכברושים, פּיפּעדנאָטערס, בייזע רוחות,

קנאַקענדיגע פּרעסט און זאַוויערולעס!
אַרויס, דו אַשמדאַי, מיט דיינע שוואַרצע לוחות!
אַרויס מיט טומאה-הייליגקייטען! מיט די אויגען
פרומע, טריבע!
אַרויס מיט אַלע גלויבונגען מיט אייערע! מיט אייער ליבע!
אַרויס געהט אַלע מיר אַנטקעגען פון די
נעסטען!

איך וויל אַצינד
מיט גלויבען פון אַקינד,
מיט ליבע פון מיין האַרץ אַנטקעגען אייער
שנאה זיך פערמעסטען?
צי וועט איהר אָבטרייסלען פון זיך נשמה-קעלט?
צי וועט איהר ביישטעהן דעם נסיון איצט
דעם גרעסטען,
ווען צו דעם פריהלינג איז געזאַלבט די
וועלט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואו זענען זיי, די טעג און נעכט, די שענע?
וואו זענען זיי, די תּכלת-הימלען, אויסגעלייטערטע און ריינע?
פאַר מיר איז אָנגעקומען איצט דער פריהלינג, ווי אַ זקנה,
אַ מכשפה אַלט און קאַלט,
וואָס געהט און פענטעט זיך און פאַלט! וואָס געהט
און פאַלט!
און פאַר איהר אימה׳דיג געשטאַלט, און פאַר די
ערשטע בליטהען
ווערט קאַלט און ס׳הויבען-אָן צו גליווערן געבליטען...
און ערשטע בלעטלעך פון מיין בלומען-טרוים, פון סם
פערגאַלט,
פערטריקענט הויבען-אָן זיך אָבצושיטען!..
נאָר כ׳האָב די ערשטע שרעק שוין דורכגעליטען,
און די געוועהנהייט דורכגעמיטען!
און כ׳פינטעל שוין אַפילו נישט אַצינדערט מיט אַ ברעם...

און ווען דאָס האַרץ וועט טהון זיין לעצטען קלעם—
אָ, דאַן וועט אויך אַ נס פאַר אונז געשעהן:
מיר וועלען זון דערזעהן!
און פון מיין אויסבעהאַלטענעם און אָבגעהיטען ש ם,
וועט די מכשפה און אַ כ ש ו ף-מ אַ כ ע ר י ן—אַ ק י נ ד,
אין יונגען פריהלינג העל צוגרינט,
פערוואַנדעלט ווערען!
און איך, און זי—מיר וועלעןביידע אום-אַרומגענומען,
דערהויבען פליהען מיט קרבנות-ריחות פון די בלומען,
און מיט די תמים-תפלות אויפגענומענע זיך פרעהען,
און שטראַהלען, שטראַהלען-זוימען זייהען!
א ו ן ז ײ ה ע ן פ ר י ה ל י נ ג ד י ג ע, מ ז ל׳ד י ג ע,
ש מ ח ה׳ד י ג ע ש ט ע ר ע ן!

צוועלף.

נאך אלעקסאנדער בלאָק.

1.

שוואַרץ—דער אָוונד.
ווייסער שניי,
ווינטען, ווינטען!
און אַ מענש קים די פיס זיינע שטעלט.
ווינטען, ווינטען—
אויף דער גאָר'ער גאָטס וועלט!

קרויזט דער ווינד, פערקרייזעלט
שנייעלעך ווייס.
אונטער שניי—דער אייז,
גליטשיג, ביטער.
ס'איז מאַכען אַ שפרייז—
אַ מורא, אַ ציטער!

און פון מויער צו מויער
פערציהט זיך אַ שטריק.
אויפ'ן שטריק—טוך אַ שטיק:
„די מאַכט געהערט צו דער גרינדונגס-פערזאַמלונג נאָר!"

קלאָגט אַנ'אַלטיטשקע, יאָמערט פאַר צרות,

און קאָן נישט פּערשטעהן יענע סבות—
הלמאי ס'שטאַרצט אַזאַ שטיק,
און געהט לאיבוד... אַ גרויל!
מלבושים פאַר קינדער וואָלט זיין עס—אַ גליק!
און יעדער איז נאַקעט און הויל...

ווי אַ הוהן, איז די אַלטיטשקע
פאַמעליכעל אַריבער—אַ הויפען שניי.
—אוי, מאַמע, מאַמע הייליגע!
—אַך, אין קבר גלייך פּעריאָגען זיי!

ס'שניידען, ס'שמייסען—
ס'טוען זיך חינטען אַ לאָז.
אַ „בעל-הבית" אין שרעקיג גליסען
רוקט אין קאָלנער טיף דעם נאָז...

און ווער איז דער?—האָר לאַנג-צושויבערטע,
און טענה'ט ער—פונקט צויבערט ער:
—בוגדים! ראָבען!
—ס'איז רוסלאַנד בעגראָבען!
ס'איז דער מליצה-טרייבער—
אַ שרייבער—

אָט, געהט דער לאַנג-געקליידטער—
מיט פּחד שלייכט פערביי,
אַ טרויעריגער געהט ער,
דער חבר פּאָפּ...—כדאי!

געדענקסט—אַמאָל? דעם עולם!
און דו-דעם בויך פאָראויס—
און ס'לייכט אויף אַלץ דיין צלם...
ס'איז איצטער, חבר—אויס!

אַ פּריצ'טע אין אַ פוטערל
איז צו-צו אַ צווייטער:

—וויינען, קלאָגען מיר, מוטערל!
אַ פערוועהטער
געשריי, אַ צושטרייטער...
אַ רוף:
אוי, כ'פאַל! הויבט מיך אויף!

פרעהליך און מונטער, און בייז—דער ווינד
פליקט אַלץ אַרונטער.
דורכגעהער שינדט ער,
צופט ער געשווינדטער
די פאָהן אַצינד:

די מאַכט געהערט צו דער גרינדונגס-פערזאַמלונג נאָר!"

און ס'רעדט ווער אַהינטער:
...ביי אונז—אַ פערזאַמלונג געוועזען...
...מען האָט דאָרט די פראַגע געלעזען...
...שוויס געגאָסען...
און בעשלאָסען...
געוועהנליך—צעהן! אַ פינפאונצוואַנציגער—אַ נאַכט.
נישט וועניגער—אַזוי איז אָבגעמאַכט...
אַזוי—בעטראַכט...

שפעטע נאַכט שוין.
די גאַס ווערט לעדיג, פוסט.
אַ שלעפער עלענד,
וואָס בלאָנקעט—הוסט...
און ס'פייפען ווינטען...

מיר בעפעלען:
קום-אַהער,
קום אַ קוש טאָן זיך!..

עסען!
וויטער—וואָס? ווער?

געה! נישט שטער!

הימלען פער׳חשכ׳טע פרעסען.

אַ בייזער, אַ טרויער-ירגזון...
אין ברוסט ברויזט שווער...
אַ פינסטער און הייליג ירגזון...

קוק, חבר—נישט קלער—
מיט העזה!

2.

דער ווינד צושפילט—דעם שניי-שוואונג העלפט.
עס געהען מענשען זאַלבעצוועלפט.
פון ביקסען שוואַרץ די רימען-שניר.
און פייערן אַרום אָהן אַ שיער...

אין ציינען—ציגאַרלעך. אימפעט. האַסט.
אַ קאַראַ-טויז אויף פלייצעס פאַסט...
די פרייהייט, די פרייהייט
אין האַרצען—אָהן גאָט.
פעסט דער טראָט!

קאַלט איז, חברים׳לעך, שוידערדיג!

—מיט וואַנקען—קאַטקע איז אין שענק...
—זי האָט פיל „קערענקעס"—די קרענק!..
—ס׳איז וואַנקע איצט אַ גביר אַליין!
געוועוען אַ חבר! איצטער—ניין!

נו, וואַנקע, ממזר-יונג, בורזשוק,
פּרוביר אַ קוש טאָן מיינע !.. קוק !..

די פרייהייט, די פרייהייט
אין האַרצען—אָהן גאָט !
צו טהון מיט וואַנ׳קען קאַטיע האָט—
וואָס ? וואָט ? ס׳איז אַ סוד !..
פּעסט—דער טראָט.

און ווייט פיל פייערן אַרום...
די רימענס האַלזען, נעהמען אום...

רעוואָלוציאָנעריש דעם טריט נאָר האַלט !
דער שונא קען נאָך קומען באַלד !

חברים—אָהן פּחד ! ביקסען צילט !
אַ קויל לאָמיר לאָזען אין רוסלאַנד ווילד,
אין דער לויזיגער,
קרום-הויזיגער,
דער גראָב-פליישיגער !

אין האַרצען—אָהן גאָט !

3.

ווי געגאַנגען זענען יונגען
אין גוואַרדיע דינען פיל אַוועק—
אין רויטער גוואַרדיע אַוועק—
קעפּ פערלעגען גאָר אָהן שרעק !

העי, איהר צרות ביטערע!
לעבען צוקער-זיס!
ס'מלבוש'ל צוריסען—
דאָס דייטשיש ביקסעל—מיאוס!

בעלי-בתים—ברענען! בראָטען!
וועלט-שרפות צובלאָזען! שפּאָטען!
איינטונקען די וועלט אין בלוט!
בענש אונז גאָט! אַזוי איז גוט!

4.

ס'שרייט דער פוהרמאַן—דעם שניי צדשים.
וואַנקע פלינק מיט קאַטקען פליהט—
אויף האַלאָבליעס אַ לאַמטערן
אַן'עלעקטערישער...
אַך, אַך, פאַל, פאַל!

אין שינעלכל—ליפּען רויטע—
מיט אַ פּרצוף פון אַ שוטה,
קרייזעלט, דרעהט ער וואָנסעס שוואַרץ,
און ער שפּיצעלט זיך,
און ער וויצעלט זיך...

אָט, אַ וואַנקע—פּלייצעס ברייט!
אָט, אַ וואַנקע—ס'אַראַ רייד!
קאַטקען נעהמט אַרום ער מונטער,
און ער פּוצט זיך אונטער...

וי—דעם קאָפּ פערוואָרפט אינגאַנצען.
צייהנדלעך, ווי די פערל גלאַנצען.
אַך, דו, קאַטיע קאַטקע מיינע,
מיין שמאַלציג גאָמבעלע...

5.

איף דיין העלדזעל, קאַטיע, קאַטיע,
ז'נישט פערהיילט די וואונד אַ קאַפּ,
אונטער ברוסט איז פריש נאָך, קאַטיע,
יענער שאַרפער מעסער-דראַפּ.

עך, עך, טאַנץ פאַר מיר!
שען—די פיסלעך אָהן אַ שיער

וועש מיט שפיצען—אומגעגאַנגען,—
ווייטער געה זשע, פרוב און געה!
אָפּיצירישע פערלאַנגען—
ווייסטו זיי דאָך, קאָנסטו זיי!

עך, עך, וועק די לוסט!
ס'צאַפּעלט אויף דאָס האַרץ אין ברוסט!

יענעם אָפיציר געדענקסטו—
ר'איז פון מעסער נישט אַוועק...
אוי, געדענקסט—ווי לאַנג נאָך קרענקסטו!..
דעם זכּרון נישט פערדעק!

עך, עך, גיכער, גיך—

לעג מיך שלאָפּען, לעג מיט זיך!

פלעגסט מיט געטרעס זיך בעצירען,
פרעסען שאָקאָלאַד צוזאַט,
פלעגסט מיט יונקערס ליבעס פיהרען—
רעכט איז איצטער אַ סאָלדאַט!

שווער נשמה לייכט זאָל זיין:

6.

עך, עך, זינדיג מיין —
...אופסניי אַנטקעגען, געיאָגט פון ווייט,
דער פוהרמאַן זידעלט זיך און שרייט...

שטעה, שטעה! אַנדריוכע, רוהיג שטעה!
פּעטרוכע, העלף! אַ הינטער געה!

טראַך—טאַר—ראַ—ראַך—טאַך—טאַך—טאַך—טאַך,
צום הימעל קוילערט שניי-שטויב וואַך!

דער פוהרמאַן ציהט מיט וואַנקען אָב...
נאָר צילען ריכטיג! צילט אין קאָפּ!

טראַך—טאַ—ראַ—ראַך!.. אַהאַ ס'איז זיס!..

. . . .

און ווייס אַ פרעמדע מויד, וואָס ס'איז!..

אַוועק—דער ממזר! וואַרט נאָר, האַר!
בעקומען ועסטו אויך דיין שכר!

ס'איז קאַטקע—וואו? דער פּלאָר אַראָב!
און דורכגעשאָסען איז איהר קאָפּ!..

צופרידען—קאַטקע?—שטיל און שאַ!
ביזט, פאַדלע, ווערט אַ טויט אַזאַ!..

רעוואָלוציאָנעריש דער טריט איז היינט!
עס דרעמעלט נישט דער בייזער פיינד!

7.

און אויפסניי צוועלף מענשען געהען,
הינטער פּייטשעס—ביקסלעך קאַלט.
ביי דעם מערדער איז נאָר, געבען,
ווי ענטרונען דאָס געשטאַלט...

און אַלץ פלינקער און געשווינדער
ווערט פערגיכערט יעדער טריט.
ווי צורעכט מאַכען אַצינדער
זיך דאָס שאַלכעל, ווייסט ער ניט.

—חבר, טרויערסט? אַ בעלנות!
וואָס ט'דיר, ברודערקע, פערשאַדט?
האָסט אויף קאַטקען דען רחמנות!
ס'איז, פּעטרוכע, נישט קיין שטאָט!

—אָך, חברים, ברידער ליבע,
כ'האָב די מויד דאָך ליב געהאַט!
נעכט פערבראַכטע—איז די סיבה—
שכּרות-נעכט מיט איהר צוזאַט...

פון דעם ווילדען, שטיפערישען
פלאַם אין אויגען איהרע שען,
פון איהר רויטען חנ׳דעל פרישען
אויף איהר רעכטען אַקסעל-קליין,
האָב איך זיך געמוזט צומישען,
און איך בין אַליין, אַליין...

—ביזט אַ יאָלד! אַ פלאַפלער ביזטו!
וואָס ביזטו אַ אשה, וואָס?
די נשמה גאָר פערוויסטו!
וואָס איז דאָס? הויב אויף די נאָז!
זיי אַ לייט! ס׳איז רייד אומזיסטע!
ס׳איז נישט ווערט אַ פולווער-שאָס!
נישט אַזעלכע זענען צייטען
אומצוטראָגען זיך מיט דיר!
ס׳איילען, חבר, פון דער וויטען
יאָכען שווערע אָהן אַ שיער!

און פעטרוכע גלייך פערקלענערט
זיינע איילענדיגע טריט—
ווידער שמחה׳דיג, פערשענערט,
הויך דער קאָפּ, ווי אויפגעבליהט!

עך, עט!
ס׳איז אַ שטיף טהון נישט קיין חטא!

טירען, טויערן, פערמאַכט!
מ׳עט ראַבירען היינט ביינאַכט!

עפענט קעלערס, ווער עס פיהלט—
ס׳האָט דער דלות זיך צושפּילט!

8.

אָך, איהר צרות ביטערע!
אומעס אימה׳דיג,
משונה׳דיג!

פליהען רגע׳לעך—
לעבעדיג, לעבעדיג!

שטויב אויף שטעגעלעך—
שוועבעדיג, שוועבעדיג!

שייל איך יאָדערלעך—
קנאַקענדיג, קנאַקענדיג!

ציה איך אָדערלעך—
טשאַקענדיג, טשאַקעדיג!

בעלי-הבתים, פליהט ווי פויגעלעך!
וועל איך אויסנאָ׳ען
בלוט—פאַר אויגעלעך,
פאַר איהרע אויסקלאָגען...

בערוהיג, גאָט, די ליכטיג זעל דער שקלאַפין דיינערס!

ביטער!

9.

עס הערט זיך נישט פון שטאָדט דער טומעל,
אויף גֿעווער טורעב—שטום און שטיל...
נישטאָ שוין איצט דעם קאָזאַקס רומעל—

אָהן בראָנפען הוליעט, ווער עס וויל!

אַ בירגער טוליעט זיך אין ווינקעל,
דעם נאָז בעהאַלטען פאַר׳ן פראָסט.
בשכנות גיט אַ הונד אַ פינקעל
מיט אויגען עלענד און פערלאָזט.

פון הונגער שטעהט דער מענש פערמאַטערט,
אַ שווייגענדיגער גלאָצט אין שרעק,
עס שטעהט די אַלטע וועלט גע׳פטר׳ט,
ווי ס׳שטעהט דער הונד פערקוועטשט דעם עק.

10.

האָט צושפילט זיך ווילד דער וויכער—
אוי, אַ ווינד! אוי, אַ ווינד!

מען דערקענט נישט קיינעם זיכער,
ווי אין ד׳ אַמות—בלינד!
קרייזעלט אום דעם שניי אין לופט
אין אַ זייל, און שלעפט און רופט.

—ס׳אַראַ שטורם, גאָט, עס איז!
—פעטקע, העי, נישט מאַך זיך מיאוס!
ס׳ארא שד-מחבל גילט
דיר דיין גאָט—דאָס הייליג בילד?
אומבעוואוסטזיניג נאָך ביזט,
פריהער פעטקע, בלוט פערגיסט,
קאַטקעס ליבע נאָר צוליב!
שטעל זיך פאָר, אַ טראַכט נאָר גיב!

—האַלט דעם טריט! פאַראויס— מיט לידער!
נאָהנט דער שונא, דער נישט-מידער!

אַרויס, פאַראויס, אין גאַס,
דער אַרבייטער-קלאַס!

11.

... און אָהן נאָמען הייליגען זיי געהען
אַלע צוועלף—אין שטאָדט—
גרייט צו אַלץ, אין שנייען.
גאָרנישט איז קיין שאָד!..

און די שטאָל-ביקסלך געהויבען
צו דעם פיינד, וואָס זעהט זיך ניט...
אין די ווינקעל-געסלעך טויבע
די „פורגאַ״ נאָר שטויבט און שיט.
נישט אַ שטיוועל צו דערהויבען
פון די שניי-בערגלעך, פון מיט...

ס׳פראַלט אין אויגען
רויט די פאָהן.

ווי געוואויגען
טריט—אין קאָן.

דוכט, דער שונא
קומט שוין אָן...

דער שטורעם וויל אויגען פערשטויבען,
אָנגעהויבען

ניִשט אויף שפּאַס.

פּאָראויס אין גאַס
דער אַרבייטער-קלאַס !

12.

...שפּרייזט מען ווייטער מעכטיג, זיכער...
—ווער—געבליבען ? געה־אַרויס !
אָט, צו׳קונדס׳ט זיך דער וויכער
מיט דער פאָהן דער רויטער בלויז...

פאָרענט איז אַ גרוב אַ קאַלטע,
—קריך־אַרויס, ווער דאָרטען ס׳שטעקט !
נאָר אַ צויג, אַנ׳אָרים, אַלטע,
הונגעריג, אַ הינטער שרעקט...

אָן ! ! אַוועק, דו הונד פאַסקודנער !
ווילסט אַ קיצעל מיט׳ן שפּיז !
אַלטע וועלט, פון כלב נודנער,
זינק שוין איין ! ביזט העסליך, מיאוס !

...שטשירעט, ווי אַ וואָלף די צייהנער,
הונגעריג, און טרעט נישט אָב—
קאַלטער הונד, ביזט שלענד, איינער...
—רוף זיך אָב ! איך ציל אין קאָפּ !

—מיט אַ פאָהן ווער פאָכט עס דאָרטען ?
—קוק זיך צו, ווי פינסטער ס׳איז !

—מיט אַ טריט אַ נישט-געשפּאָרטען
שלייכט עס ווער ?.. ער לויפט געווים...

ברודערקע, וועסט נישט אַנטלויפען !
אַלץ בחנם ! לויפסט אומזיסט !
ס׳וועט די קויל אין ערגסטען אופן
טרעפען דיך, אַוואו דו ביזט !

טראַך—טאַך—טאַך !—און ס׳הילכט אין שטיבער
נאָר אַ ווידערקלאַנג מיט וועז...
אַ געלעכטער קוילערט איבער
ווייסען ווילער, קייכט אין שניי.

טראַך—טאַך—טאַך !
טראַך—טאַך—טאַך !

...געהט מען, הערשענדיג, געמוטיגט—
און דער הונד—פון הינטען בלויז.
פאָרענט—מיט אַ פאָהן פערבלוטיגט,
נישט דערזעהן און נישט דערשפירט,
פון די קוילען נישט געריהרט,
אויבען-אויף, מיט טריט, מיט זאַכטע,
אין די שניי-פערל פערטראַכטע,
ווייס אין קראַנץ איז יעדע רויז—
יעזוס קריסטוס—געהט פאָראויס.

איך—א פורים-שפּילער...

(פּראָלאָג).

מיין אליעזר ליסיצקי'ן.

איך בין אַ פורים-שפּילער היינט!
און כ'שפּאַס פון מיינע פריינד און פיינד!
און פון די קיילעכדיגע מאַסקע-לעכער
פליהט איצט מיין לאַכענדיגער בליק אַרויס—
אַריבער יעדען פּאַלאַץ, יעדען קליינעם הויז,
און פלאַטערט אויף, און פליגעל העכער
אַריבער ים'ען, טייך און טעכער,
און פליקט מיט דערנער יעדע רויז,
און קיצעלט ביי די זייטען יעדען טרוים-פערשוועכער,
און גיט דעם שטן יין-נסך, בראַנד אַ פולען בעכער:
—העי, אַלטער שוטה, מיט די אויגען רויטע,
טרינק און זינג—
„המן איז אין דר'ערד!
„און מרדכי—אויפ'ן פערד!"
אין פרעמדע גלעקער קלינג,
אַז אויפשטעהן זאָלען אַלע טויטע!
און לאַך, אָהנציייהנערדיגער, טרוקענביינערדיגער, לאַך:
די פרומע קדושים און די חושים-פרושים לאָז געמאַך!
און מאַך די קרופ-העויה'לעך, די הינטיש-חנ'דעלעך אַ סך,
און שריי נישט, אַז די וועלט איז פלאַך!

און אויב דו זעהסט נישט אַנדערש, נעהם די אויגען און פערמאַך:

און—טראַך—טאַ—ראַ—ראַך!——
עס איז דאָך שלום ושלוה אויף דער וועלט!
עס העלט שוין אויף אַ פריהלינג-זון אַ נייע קוועלט!
און מענשען קושען זיך אין לאַנד אין פרייעם,
און פעלקער זענען אָ נ ג ע ט ה ו ן אין גייסט אין נייעם!
און אויפגעבויט און אָבגעבויט א י ז א ו י ך י ר ו ש ל י ם!

העי, אסתר'ל, מיין שוועסטערל, דיר קומט אַ מלך-קוש:
אַ קליינינקייט—פון הודו און ביז כוש
דערגרייכט דיין צויבערפולע הערשענדע מדינה!
און דו אַליין ביזט מלכות'דיג און שען!
נאָר אויסגעטראַכט האָט ושתי עס, אַז דו—דו ביזט אַ גרינע,
ס'האָט ושתי אויסגעטראַכט אין קנאה-צאָרן,
די ושתי אויפ'ן שטערען מיט'ן האָרן...
נישט וואָהר! עס האָט מיין אסתר'ל אַ פנימ'ל אַ קלאָרען!
אַ סימן, זעהט, ד ע ר ק ל ו ג ע ר מ ל ך-ט י פ ש האָט זי האָלט,
און שפילט זיך מיט דעם רוט פון גאָלד...
און גיט איהר אָב אין האַנד
אַ האַלבע לאַנד!

און המן! המן אויך, דער דורכגעטריבענער, דער אַלטער המן,
האָט אומגעביטען איצט זיין קלינגענדיגען נאָמען,
פערקריצט, פערצויגען איהם אויף „Homo"—
און איינגעקנייטשט, פעראיידעלט די נשמה——
ער איז דער איינציגער, דער טרייער אויף דער וואַך,
וואָס קעכעלט זיין מוזשיניקעל ו י ז ת א'ן...

און—טראַך—טאַ—ראַ—ראַך——

ווער זאָגט, עס איז אַצינדערט אויף דער וועלט—מ ל ח מ ה!
אַ ליגען! קיינער ט'נישט געגאָסען!
—אומזיסט-אומנישט נאָר בלוט פערגאָסען!

און ס׳פליסען טרעהרען איבער אַלע מאָסען!
ס׳איז חי-געלעבט! ס׳איז שמחה וששון!

און ערגיץ הערשט די נויט און הונגער!?
און ערגיץ ווילדעוועט אַ שטורם פון יסורים!?

אוי, היינט איז פורים!
און היינט בין איך אַ יוד אַ יונגער—
און ס׳שמייכלען טרעהרען אויף די אומעטיגע אויגען!
און כ׳רייד אַזוי מאָדערן און פערצויגען,
און איידעלאַרטיג צו דעם ערב-רב געבויגען...
ס׳בעהאַלט די מאַסקע—פונ׳ם ליכט
מיין בלאַס און אויסגעפייניגט יונג געזיכט,
פון בליקען לעסטערדיגע אומגעריכט...

און ווער עס זעהט, דערקענט אין מיר—פּ י ע ר ר אָ,
וואָס אָטעמט מיט דער צופעליגער ה יי-ש ע ה;
און כ׳געה אַרום, כ׳שפּאַציר אַרום אין ווייסען, ברייטען קיטעל,
און כ׳זוך אַ לוסטיגען בשמחה׳דיגען מיטעל—
צו אויסשפּאָטען פון פיינד און פריינד,
ווייל... כ׳בין נישט מעהר—
אַ סתם בחנמ׳דיגע טרעהר,
אַ וואוילער יונג, אַ פורים-שפּילער היינט!—

אמנהג.

געפאַלען איז די ערד, פון בלוטען אָבגעגאַנגענע אַ קרבן:
אין חבלי לידה איז די ערד געשטאָרבען!
און ס'איז איהר קינד—די פריהלינגס-פרייד
געבליבען אין איהר מוטער-טראַכט,
אין איינגעווייד.
און ס'קוקט דער הימעל וואָלקענדיג, פערצווייפעלט און צעוועהט—
און ס'איז דער הימעל ביז צו אונענדען פערטראַכט...

עס וועט דאָס לוסטיג קינד,
דאָס שטראַהלען-קינד—דער שוואונג דער פרייער,
אין קלעמען פון די זינד
שוין נישט געבאָרען ווערען היי-יאָהר!
און עמיץ שרייט-ארייַן אין ערד—
דאָס קינד געווינען עמיץ איהר פערשווערט;
און עמיץ מיט אַ האַרץ פערטרעהרט,
מיט יאוש שרייט צו איהר: „דו וועסט נישט האָבען
קיינמאָל נישט קיין רוה!"
„דו וועסט נישט וויסען, וואָס דאָס הייסט גן-עדן,
„דו וועסט אין יום-טוב-בליהעכטס קיינמאָל זיך נישט קליידען!"

אוּן דער, וואָס שרייט—דער מאַכט פאַר שרעק די
אויגען צו...

— — — — — — — — — — —
— — — — — —

—וואו איז דער לעצטער פּרוב?
וואו איז דער אויסדערליידזונגס-רוף
פון דעם משיח׳ס שופר-האָרן?

אָ, דאַן וועט ווערען אין דעם רויטען טויטען צער צו ערד
אַ פריהלינגס-קינד געבאָרען!

די מגפה פון שנאה.

מאָה קולות האָט דער שופר הילכיג און פערצווייפעלט
אָבגעבלאָזען:

און געבויגען האָבען זיך צו דר׳ערד דערשראָקען,
אונטערטעניג גראָזען.

תקיעה! שברים-תרועה! שברים!

און עס טאָקט די וועלט אַלץ ווייטער, אָהן אַנ׳אויפהער,
טיף דער נאָגענדיגער וואָרעם,

און מען מעסט, מען רייסט די קברים.
העלפט דאָך גאָרנישט: די מגפה—שנאה שפרייט זיך ווייטער.
און עס וויגען-איין די שנאה-קינדער
פון דער ברוסט דער מאַמעס, ווערען זיי פון טאָג צו
טאָג אַלץ בלינדער.

און דער הימעל איז אַ גרוי-פערשפייטער,
און די וואָלקענס, ווי פון וואונדען—אייטער.

און די שנאה האָט אַדורכגעדרונגען אַלע טעמפלען, אַלע
בתי-תפילה!

האָב איך מיר אַ כלה׳שי, אַ הייליגע, אַ שטילע,
האָב איך מיר אַ כלה׳שי אַ פרומע,
אַ פערל-טרוימערין, אַ פערעלע, אַ טאָכטער פון מיין אומה...
האָט זי מיך געבעטען מיט די בליקען-שמייכלען שטומע:
„לאָמיר חופה שטעלען אין די ווייטען!
„לאָמיר חופה שטעלען, ווייט פון גאָט און לייטען!"

ביידע מיר יתומימ׳לעך—געשטאָרבען אונזער פריד איז פרייד.

ביידע מיר יתומימ׳לעך—מיר ריידען שטילערהייד.

זענען מיר צו דעם בית-עולמ׳ל געגאַנגען,
ווי, אַ שטייגער, טייב׳לעך צוויי, וואָס ליבע ברומען,
זענען מיר געגאַנגען מיט די ליב-געוואַנגען,
און צום אוהל פון אַ צדיק זענען מיר געקומען...

האָבען מיר אַ שטילע חופה דאָרט געשטעלט,
האָבען מיר אַ שטילע חופה דאָרט געשטעלט—
אין דעם רוהענדיגען צדיק׳ס אַלט געצעלט.
און עס ווייסט דאָך קיינער נישט אַפילו אין דער וועלט.

און דער כלי-זמר איז געווען—דאָס שטילע, שטילע בענקען,
און בדחנים זענען פיל געווען—די בוימער,
און די געסט, די מחותנים—אַלע ווינטען-טרוימער!

וועל איך זיי געדענקען! וועל איך זיי געדענקען!
אַלע שמייכלען, וואָס זיי שענקען!

און אַ חזן מיט משוררים איז אויך געווען—דער טיפער אומעט,
און די אונטערפיהרערס—ס׳טרויעריגע שווייגען
פון די צווייגען,
ס׳טיפע שווייגען, וואָס מיט תפילות זשומעט...
און דער הימעל האָט געצונדען אונזערטוועגען אַלע, אַלע שטערען,
און געוואונקען האָבען זיי צו מיר, און צו מיין כלה׳ס בלייך געזיכט—
ווי פון קברים פלעמעלדיגע, צאַנקענדיגע ליכט.

ווייט אין ווייסקייט האָבען מאה קולות קוים געלאָזט זיך הערען:

תקיעה! שברים! תרועה! תקיעה-גדולה!
און דער שנאה-וואָרעם האָט גענאָגט, געטאָקט די ווייטע וועלט די פוילע——

פאָרגעפיהלען.

פאָרגעפיהלען שפּילען-אויף אַ ברוגז-טאַנץ אַ שטילען!
פאָרגעפיהלען שפּילען פון אַ נאָהנטען, גאָהנטען צער,
וואָס אין אונז מיט פייל אויף בויגען
און מיט וואַסערדיגע אויגען
טוט אַנ׳עמיצער, מיט בליקען פרעמד און שטאַר,
טוט אין אונז איצט צילען!
שפּילען-אויף מיט טויזענדער טראָמפּייטען!
און די ווינד-מחבלים זיפצענדיג בעגלייטען—
מרה-שחורה אויף די וועלטען אונזערע צושפּרייטען...

שטרענג איך אָן די לעצטע זעגלען פון מיין ווילען!
ציה איך אָן די אייזען-שטריק פון די געהירן...
און איך לאָז נישט פון דעם צופאַל בלינד זיך פיהרען!
און עס ריהרען זיך פון אַנקערס מיינע שיפען
אינ׳ם ים—אונענדליכקייט! אין דרייסטען וועג צו
אָבגרונד-טיפען;
און פער׳חדוש׳ט און דערשראָקען גאַפען שקלאַפען,
איבערבליבען אונטער שוץ און זיכערקייט פון האַפען!
און עס פאָהרען געגען צאָרן, געגען האַסען-שטרוימען,
מיינע שיפען, אָנגעלאָדענע מיט אוצרות טרוימען,

מיט מיליאָנען בלומענדיגע גליקען-זוימען...
שפריצען, שטורעמען די אויפגעבּרויזטע שוימען,
עפּענען די מיילער אויף די אויפגערייצטע וועלען,
און די ים-פּערזעהעניש׳ען אויף די הינטערפיס זיך שטעלען,
צו פערטיליגען די שיפען און דערשלינגען...

און עס לויערען שוין אימה׳דיגע, בּלעזעלדיגע וואַסער-רינגען!
דאַכט זיך, פּאַליעס אין מאוימ׳דיגע טורם-גלעקער קלינגען!

— — — — — — — — — — —

הילך איך אויס אין קוואַלענדיגען, קוועלענדיגען יונגען זינגען:
—העי, איהר בּרידערלעך, מאַטראָסען-יונגען!
פרעהליך! מונטער!
טאָמער געהען שיפען אונטער—
איז אין וואַסער גלייך געשפּרונגען!
וועניגער געדונגען זיך... און פּשט געדרונגען!
און אין פּאַליעס דרייסט געשליידערט זיך מיט פויסטען—
אין דעם ווילדען ים, דעם אויפגעבּרויזטען,
און געשלאָגען זיך מיט וועלען, גוטער בּרודער!

—העי, דערווייליע פעסטער זיך געהאַלטען!
נישט געשראָקען זיך פאַר פּאָרגעפיהל-געשטאַלטען!
מיט אַ קאַלטען שמייכעל האַלט זיך יעדער בּיי זיין רודער!
העי, איהר וואוילע יונגען, גוטע בּרידער,
לאָמיר איצט דעם שטן געהן דערווידער!
לאָמיר זינגען מיט׳ן האַרציגען און גוטען ווילען!
לאָמיר אונזער יוגענד-חוב דערפילען!
—נידער מיט דער מרה-שחורה! נידער!
ווען עס שפּילען אויף אַנ׳אומעט-טאַנץ די פּאָרגעפיהלען,
לאָמיר מיט די לידער אונזערע דעם כּעס קיהלען!
און דעם ים פון ספקות מיט די לידער—
העכער, העכער, זינגט-זשע, בּרידער!
און דעם ים פון ליידען מיט די לידער שטילען!—

II

אָין שאָטען.

בענשונג.

אויב איך בין יונג,
וועל איך נאָך מעהר זיך איינגערן:
אַ באַ׳אויפגעפלאַמטער פון יעטווידער פונק,
פערליבט אין יעדען שטערען-וואונק,
פערליבט אין יעדען. ווערטער-קלונג,
אין יעדע—סודי-סודות-זינגערין!

אוי, פינגער מיינע, אויסגעצויגען לאַנג—
איהר שטראַהלט צוויס מיין יעדען האַרציגען געדאַנק,
און נעהמט אַראָב איהר יעדען צוואַנג פון דינים
פון כל המינים!
און—יעדען ענגען פעדימעל—דעם דינסטען דינעם,
און יעדען גאַל-שמייכעל—דעם שלאַנגען-גרינעם
פון מענשען-פנימ׳ער אַראָב!
אַראָב, אַראָב דעם בויער-אָל פון יעדען אויער,
דעם עול פון יעדען יונגען קאָפּ,
דעם מרעיש-עולמ׳דיגען משא-טרויער!

איך וויל מיט מיינע הענד—
די אונענד און די ענד:
גאָט׳ס מענשען בענשען!
גאָט׳ס מענשען!

בענשען!

און כאַ-כאַ-כאַ, ווי לעכערליך עס שפּרינגען מיך אַרום
די הויקער-בחור׳לעך, די פלינקע זלידנע בעלי-מום!..
פ אָ ר א ו י ס—פּערלעגט מיושב׳דיג די הענד—
אַ גאַוה׳דיגער צאַפּעלט אויף אַ שטומפּיג איינגעשרומפּען שרעטעל
מיט פיל חטאים גרויס—אַנ׳אויסגע׳חשבּונ׳ט צעטעל!
און ווען ער לייענט פאָר די זינד-רשימה׳לע—
דאַן הילכט זיין גרילציג, אויסגעקראָכען שטימעלע,
און פרום פערגלאָצט די אויגען—דרינגט ער הויך אַ פּשט׳ל:
—„העי, יונגערמאַן, איהר קריכט אויף גלייכע ווענד,
„איהר האָט אַליין זיך נישט דערקענט!
„און ס׳קומט דערפאַר אייך סקילה, קומט אייך, ס ק י ל ה!"

— — — — — — — — — —

כ׳פערוועה דעם בייזען חלום מיט די שמייכלען מיינע שטילע

און כ׳בענש
אין תּפילה יעדען מענש!
און כ׳נעהם אַרום אין אָרעם־רונג
מ י י ן י ו ג ע נ ד—מיין נשמה-זינגערין!

אוי, ליבע פריינד,
אויב ה י י נ ט
די זון נאָך ו ו י נ צ י ג שיינט;
אויב איך בין יונג — — — — — — — —
וועל איך נאָך מעהר זיך איינגערן!
און גערן שטאַרק, צי אומגערן,
וועט יעדער בליק נאָך יוגענד-שמייכלען הונגערן!—

אַנדזשיב שניי,

ווייסע, אַלעבאַסטער-ווייסע שנייען געהען,
ס'פּאַלען שטערענדלעך און זילבער-קערענדלעך, קמיע'ן,
און פערצוימטע, ווייס-בעזוימטע, שטעהען
מויער-טרויערן און שטעהען,

זאָל אין יונגען, אויסגעזונגען, שוואַרצען האַרצען
אַלץ זיך פרעהען,

ווייסע, אַלעבאַסטער-ווייסע שנייען שיטען, שיטען,
אַלץ פערשיטען, אַלע טרויערן-געמיטען
מיט די פליהענדיגע, פינקעלדיגע בליטען.

העי, מיין יונגע מלכּה, שפּרינג אין שליטען!

דורכגעשניטען, דורכגעמיטען אַלע גרויסע שיידוועגען און וועגען!
אונזער אוצר—אונזערט'וועגען איז דער שניי! דאָס
שניי-פערמעגען
האָט פערשאָטען אַלע שטעגען, אַלע ברעגען, אַלע וועגען,
וואָס אַ פוס פון מענשען האָט געהאַט בעטראָטען,
און דעם שטן, און דעם שאָטען פון דעם שטן,
און פערשאָטען אַלע זאַמדען, אַלע שטיינער — — — —
איז בישטאָ איצט קיינער, קיינער,

װעמען פרעגען זיך, בײ װעמען אָנצופרעגען—
װאו צו צײלען איצט, װאוהין צו קעהרען?

סײדען פרעגען בײ די נאָהנטסטע שטערען,
װאו צו קעהרען זיך, װאוהין זיך װענדען? — — —

נאָר נישט קלערען! הײ, צום לאַנד פון ליטערע לעגענדען!
כ'װיל די טרויערן פערשװענדען!

ס'שטעהען בוימער-טרוימער אונטער שנײ געזונקען,
װי אין חלום אײנ'ם װײסען טיף דערטרונקען!
און עס שװעבען שוין די שלאַנקע פערד
הויך אַריבער דר'ערד,
און ס'שפריצען הײסע בליקען-פונקען.

—„אפשר האָבען שטערען עס צו אונז געװאונקען?“

—הײ, מײן יונגע מלכה, הײ, מײן שװעסטער, מלכת שבאָ!
טוליע צו צו מיר זיך פעסטער, פעסטער! ס'איז די בעסטע שעה
איצט, אַצינדער, װען געשװינדער פליהט דער שליטען, פליהט...
און דער ערשטער, אונבעהערשטער אַלעבאַסטער-שנײ עס שיט—

און װען אַלעסדינג אין אָנהויב װײסען שנײען-זינגען בליהט!—

נעסט.

עס האָט דאָס האַרץ אַנ׳אומרוהיגען זמר׳ל געשפּילט — —
דעם אָנהויב שטיל און מילד
און צאַרט—פערשפּאַרט געצאַפּעלט אין איהר נעסט!
דערנאָך פון עפּיס פרעמדס און זייטיגעס געפּרעסט,
פון אומבעוואוסטע סיבות—אויסגעהילט
צוטאַנצט זיך ווילד, פער׳שכּור׳ט ווילד.
און ס׳זענען אויף מיין רופען בגילופין אָנגעקומען געסט,
פיל איינציגווייז און פּאָרלעכווייז, און ענג צוזאַמענגעפּרעסט,
די אָנגעלעגטע אורחים פון מיין זיין!
עס איז אַריין:
די איינזאַמקייט, דער טרויער און דער פּיין,
דער שטילער גרויסער צער
דערנאָך די בענקשאַפט מיט אַ פּנים פון אַ נאַר,
דערנאָך—דאָס עלענד מיין,
דערנאָך דער כּעס,
דערנאָך—דער האַס און שפּאַס,
און נאָך, און נאָך—די מקורבים זייערע פון טומעל פון
דער גאַס!

איך האָב זיי אַלעמען, די פיינע געסט,

בּעגעגענט מיט אַנ׳ערנסט שטילען זשעסט.
די הענד געדריקט זיי פעסט;
און אַלעמען—צו זיצען מיר אַרום פערבעטען—
צו ריידען פון דעם ניט-גערעדטען...
און זיי דערלאַנגט אַ כיבוד צו דעם טיש:
פון מיין צוהוליעט האַרץ אַ קרבן-מנחה-שטיק,
אַ פרישען, צאַפּעלדיגען גרויסען גליק—
אויף הייסע בלוטען אַ געמיש...
געגעסען עס! געלאָזט זיך וואויל-געהן, שען פערבראַכט!

און איך, דער סעודה-חתן,
האָב אויך פון האַרץ פון אייגענעם געגעסען
און מיט דעם עולם געסט פערבעטענע—אַ גאַנצע נאַכט
געוואַכט, געלאַכט! געלאַכט, געוואַכט!—

אין אונזערע נעכט.

עס האָט אַ שלעכטער, אונגערעכטער מיט אַ שוואַרץ־געדיכטען נעץ
אַרומגעלויערט און געבישטערט און געוואַכט.
עס איז געווען אַנ׳אויסגעפּרובטער אַלטער ליץ,
וואָס האָט פערמאָסטען זיך בע׳גנב׳נען די ציהרונג פון דער נאַכט—
אויף עפּיס אויפגעבראַכט,
אויף עמיצ׳ס זינד און שטרויכלונגען און שקר!
עס האָבען שטום געקלונגען אַלע פרומע גלעקער,
ווען ס׳האָט דער ליץ דעם הימעל אויסגעצאַפּט,
אַ שטערען נאָך אַ שטערען אין זיין נעץ געכאַפּט,
אין פויסטען גרויס פאַר ווילד הנאה הויך געקלאַפּט,
געשמייכעלט צו דעם הימעל פון דער נאַכט,
געשמייכעלט, אָבגעשפּאָט, פון גאָט געלאַכט,
פון עמיצען בעגלויבט,
זיך רייבענדיג די הענד, גערויבט,
בע׳גנב׳עט פלינק געשיקט דעם גאַנצען אוצר שטערען,
אַריינגענאַרט זיי אין דעם זאַק
מיט אַלע מצוות, גאַנץ תרי״ג...
און שוין געוואָלט אין שאול תחתיה נעלם ווערען,

און דאָרטען מיט אַ שפּרוך זיי אויסלעשען, פערשווערען...
עס האָט אַ זיג-געלעכטערל געלאָזט זיך הערען!
נאָר קיינער, קיינער ניט האָט אַלץ בעמערקט, געהערט,
און קיינער האָט זיך ניט אַפילו אויף דער פינסטערניש פער-
קלערט,
און קיינער ט׳ניט געשטערט...
נאָר איין און איינציגער האָט זיך אַרויסגעגליטשט מיין
שטערען
פון לץ
און פון דעם שוואַרץ-געדיכטען נעץ!

— — — — — — — — — — — — — — —

און כ׳האָב זיך קעגען שטערען מיינעם גלייך אַוועקגעשטעלט:
על-חטא געשלאָגען זיך אין האַרצען פאַר דער
גאַנצער וועלט!

אום האלבע נאכט.

עס שלאָפט די גאַנצע שטאָדט אַ שווערען מידען שלאָף.
אין ערגיץ טליעט נאָך נישט זיכער, שטיל אַ פלעמעל,
אין ערגיץ קומט איצט אָב אַ זינדיגער אַ שטראָף,
און מנצח זיין אַ יונג בעל-תשובה וויל זיין דרעמעל,
און הילט זיך אין אַנ׳איינזאַם עלענד איין,
אין קיהלען זילבער-מלבוש פון לבנה׳דיגען שיין,
און שטעלט זיך מיט אַ האַרץ-קלאַפּען און שרעק
אויף איינגאַנג-טרעפּען פון דער גרויסער שוהל אַוועק,
און הערט פערקלערט זיך צו, און קוקט אַריין,
ווי דורך די גלאָזען-טירען שלייכט פער׳צער׳ט דער שיין
פון דער לבנה איצטער, דורכ׳ן פּאָליש אין דער שוהל...
און ס׳ווערט אין אינעווייניג טומעלדיג און פול!
און ס׳קומען — פיל מניינים מתים קומען אָן
אין ווייס-תכריכים, ווי אין קיטלען, אין טליתים אָנגעטאָן,
דאָ אָבריכטען די שטילע תפלות פון דער האַלבער נאַכט;
און ס׳הערט זיך קוים אַ דאַוונענדיגער מורמעל זאַכט,
און ס׳שאָקלען זיך די שאָטענס אַלע שטיל,
געוועגדט, געבויגען צו איין-איינציגען פערשטעלטען סוף,

(אָ, גאָט! מסתמא צו אין-סוף?)

צום סוד-סודות׳דיגען ציל— — —
און ווען עס הויבט זיך אָן דאָס אויפ־ופען פון נעמען—
דאַן הויבט דאָס האַרץ אַזוי פער׳חלש׳ט אָן צו קלעמען!

און ס׳שלאָפט די גאַנצע וועלט אַ שווערען מידען שלאָף,
ווען ס׳שטעהט דער יענער, וואָס געקומען איז דאָ בעטען,
טויט-פער׳חוש׳ט,
ביי מתים בעטען רחמים, יושר—איינגעשטעלט, עניוות׳דיג
פערשטעלט,
א תיקן, אַלע גליקען בעטען פאַר דער גאַנצער וועלט—
דאָס עלענד נעבעכעל פון דער לבנה אויסגעקושט!—

פּאַנאַ יוסטינע.

אָ, ס׳אַראַ אויגען טיף־פּער׳חלומ׳טע און גרינע !..
מיר דוכט זיך, ס׳קוקט פון זיי אַרויס די שכינה !
מיר דוכט זיך—ס׳רעדט פון זיי אַרויס דער טרויער
פון אַלטער פּוילישער ראָמאַנטיק אונגעהויער !
אָ, ווי דער אומעט פון די פעלדער שטילע, גרינע
ביי אייך די אויגען זענען אָפּט, יוסטינע !
און ס׳אַראַ פינגער האָט איהר בלאַסע, דינע !
און ס׳אַראַ צערטעלדיגע מינע...
האָ ! האָ ! ווי שען וואָלט איהר געווען,
ווען זעהן, מען קאָן אייך זעהן
געקליידט אין אַ ראָבראָן,
„שליאַכעטצקע" אָנגעטאָן,
צי אפשר—אין אַ קרינאָלינע !
אָ, לאָזט זיך דינען— —
די האָר צולאָזט די גאָלדענע, די בלאָנדע :
אַ כוואַליע פונ׳ם גליק !
אוי, האָר, וואָס קאָנען אַלץ פערשפּינען—
אַוועקנעהמען דעם קלאָרען זינען,
מען זאָל צו זיך נישט קומען שוין צוריק...
און נישט איין־איינציג „פּאַן"

האָט זיך צו אייך, מסתמא, ס׳ יןפפערנויגט,
דאָס וואָנסע-קעפּעל פאַר ענטציקונג אָן אַ זייט געבויגט,
און שפאַן נאָך שפּאַן,
און שריט נאָך טריט—
געפיהרט אייך אין אַ פרעהליך מאַזור, פּאָלקע קאָנטראַדאַנס,
און אויפגעבליהט
מיט יעדען שלאַנקען שלאַנגען-רעוועראַנס!
די האָר צולאָזט די גאָלדענע, די בלאָנדע,
אין דער התלהבות פּונ׳ם חלומ׳ען צושוימט,
די אויגען פון דעם עתיד גרין-פּעראַטרוימט,
די ליפען אין אַ תפלה-פליסטערן געזוימט,
און שמייכלענדיג, ווי דזשיאָקאָנדע!

— — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז אומעטיג ביז עלענד-וויינען עפּיס היינט:
די פריינד—אַזעלכע מאָדנע, מאָדנע פיינד!
מיר שיינט—אַז היינט די זון האָט נישט געשיינט;
און אויף די ווענד די בילדער—
זיי זענען פריהער דאָך געוועזען מילדער,
אַ יאָ, עס איז אַזוי—
זיי זענען קיינמאָל נישט געווען, ווי איצטער גרוי?..
למשל, קוקט זיך איין—וואו „דוד״ אַ פּערטראַכטער געהט,
וואָס ס׳האָט די עלטער-באָבּעשע צו איהר חופּה אויסגענייהט
מיט זייד און זילבער-שפּליטער!..
און קוקט: דער צווייטער בילד, דער דריטער,
דער דריטער מיט׳ן מיטעלאַלטערישען ריטער—
זיי זענען בלייך געוואָרען, אויך
פּערצויגען מיט אַ טרויער-הויך.
און ווי אַ שאָרך איז זי פאַרביי אַדורך אַ ציטער!..
און קוקט, ווי ס׳זענען היינט די בלומען
פּער׳צער׳ט, ווי עפּיס אַ משלחת אָבגעקומען,
געהילט אין שרעקענדיגען פּיין...
און איהר—איהר מורמעלט אַלץ מיט טרויער

מיט אַ נישט-זיכערען בעדויער:
—„עס קאָן נישט זיין! עס קאָן נישט זיין!"
ס'איז אומעטיג ביז איינזאַם-וויינען הייגט...
—אָ, זאָגט, מיין פריינד,
מיין מילד פערוואָהרלאָזטע פרינצעסין,
ווי אייער יודיש נאָמען איז?
—... „פערגעסען!.."
—פערגעסען? איז עס וואָהר, צי נאָר אַ קינד-קאַפּריז?

— — — — — — — — — — —

פחדים גרויזאַם-גרויזאַמערע פרעסען
שוין וויפיל אימה'דיגע, ביטערע מעת-לעת'ן!
האָ-האָ! די עלטערזיידעס, עלטערבאָבעס האָבען שוין געהאַט פערגעסען
אָן יודישקייט, אָן אַלטען, שטאַרקען שטאַם,
פון עבר אָבגעטיילט מיט „בייקייטען" אַ ים!
און וויפיל האָבען שוין צוריסען לאַנג דעם לײדען-זײדען-פאָדעם,
און זענען משומדים (אמת, פאַנאַ?) משומדים!..
און גרויזאַם-גרויזאַמער עס פרעסען איצט די פחדים,
און ס'שרעקט יעטווידער שאָרך און קלאַנג
פון שלייכען און פון שטילסטען גאַנג!
און ס'טוט מיר אַזוי באַנג אייך צו דערמאָהנען,
אייך פאַנאַ, אָרימע יוסטינע,
וואָס איהר, פערטרעהרטערהייד,
געהערט האָט בעת די זיסטע רייד:
„צוריק! צוריק — — דאָ פּאַלעסטינע!.."
—וואָס מענשען קאָנען!..
איהר וויינט, מיין צאַרטעס קינד?
אוי, וועה און ווינד!
אוי, מיר זאָל זיין פאַר אייער יעדער טרעהר!
איך וועל נישט מעהר—
דערמאָהנען קיינעם: נישט סלאָוואַצקי'ן, נישט וויספיאַנסקי'ן,

נישט מאַטייקאָ— —
תיקו !..
ווי קומען זיי צו אונזער קונסט, צו דער קאַבצאַנסקער ?
ווי קומען מיר צו זיי ?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס פאַלט אַ שטילער, שטילער ערשטלינג-שניי,
וואָס וועט אונז אפשר לינדערן דעם וועה !
און טוליעט זיך צו מיר צו נעהנטער, פעסטער,
מיין פאַנאַ, מיין פערוואָהרלאָזט-אָבגענאַרטע שוועסטער.
—ס׳איז שקר, שטעלט אייך פאָר, עס איז אַ ליגען אַלץ,
ס׳איז גאָרנישט ניט געשעהן און נישט געווען,
און קיינער ט׳גאָרנישט נישט געזעהן,—
לא דובים ולא יער !
און גלאַט אַ חושים-מענש, אַ נאַר.
אַליין אויף זיין צעווייטעס האַרץ צושיט דעם זאַלץ,
און דאָס איז—אַלץ !
נישט מעהר— —
אוי, מיר זאָל זיין פאַר אייער יעדער טרעהר !
אָ, גלויבט מיר, מיר אַליין איז איצטער שווער :
איך הער, ווי ס׳דופק׳ט אייער האַרץ, מיין קינד !
און דוכט זיך, אויף אַ וויל—מיין בליק געפינט
אין מרה-שחורה׳דיגע פיל אַזעלכע טעג
אַ מקלט און אַ היימיש וועג,
וואו אַ פערמאַטערטער פון אויסגעווייטען בלוט—
ער רוהט !
מיין שוועסטער, מוט ! איהר זעהט ? איהר זעהט :
אין וויסטער פינסטערניש—אַ בליץ, אַ פלעמעל,
עס שפאַנען שטילע קאַראַוואַנען, אַ קעמעל נאָך אַ קעמעל— —
דער מדבר רופט, דער מדבר רעדט און בעט...
מיר האָבען זיך אַליין פערלאָזט,
און ס׳האָט געהערשט אין אונז אַ ווילדער פראָסט !..
און איצטער, זעהט, דער זאַמדיג מדבר גראָזט :

מיר קומען שוין צוריק צו זיך דורך דעם ענוים-בראַנד,
צום ווייטען מדבר, וואָס וועט ווערען אונזער הייליג לאַנד
אויפסניי—אויף שטענדיג שוין—אויפסניי!
און מיר—מיר אַלע פריי!..

— — — — — — — — — — — — — —

צי זעהט איהר עס, מיין עלענד שוועסטערל, יוסטינע?
צי זעהען עס די אויגען טיף-פער'חלומ'טע, די יונגע גרינע?

עס פאַלט אַ קיהלער, שטילער ערשטלינג-שניי,
וואָס וועט אונז לינדערן דעם וועה

איין איינגעבליק.

לילית־לילית'ן.

און פיל מיליאָנען הערצער האָבען אויפגעפלאַטערט אין מיין
ברוסט
און פיל קאַנאָנען־גלעקער האָבען זיך צוקלונגען אין געקלאַנג—!
אין אַ סימפאָנישען געזאַנג פון אויפגעברויזטען ים־אָקינוס־לוסט.
און ס'האָט געדויערט אייביגקייטען־רגע'ס לאַנג.
דאַן האָט אַ ציטער אויף געטאָן מיט דונער דער אין־סוף,
ווי או פגעוועקט פון אַ צדיקים־שלאָף:
און ס'איז אַרויף אויף מיר דער הימעל מיט זיין הערשאַפט בלוי,
מיט וואָלקען־טוי,
מייט אַלע שרפים, אַלע כרובים און מלאכים ווייס,
און ס'האָט אַראָבגענידערט גאָט אַליין—דער גרויסטער גריין—
מיט דער פמליא פון זיין קדושה גרויס און גרויסער רוה,
וויל— —דו, אָ, דו
האָסט טיף זיך איינגעקוקט אין אָבגרונט פון מיין בליק,
און זיך דערזעהן, אין פערלמוטער־כוואַליעס פונ'ם גליק,

און מיך דערזעהן, וואָס האָט דיין וועזען אויסגעשטובל'ט
אין אַנ'אויגען-קוש,

דיין קלאַנג-קרישטאָלענעם, דיין ליליע-לילית-גוש,
און גרויען-אויגענדיגען, בשמים-שמעקענדיגען העלי גן-עדן,
דיין בליהענדיגען, בלומענטראָפּענדיגען ריידען,
דעם שמיימעל-בלייכּעל פון דעם ברעמען-זייד.

און, אַך, דערנאָך!.. דערנאָך איז אַלץ אַוועק—די שכינה אין
אַ זייט:

גאָר נאָהנט—מיט קיין שום גרעניצלאָזיגקייט צו דערגרייכען!
און שטום און איינגעוויקעלט אין אַ נעפּעל אין אַ בלייכען,
און פון'ם אונענד ביז צום שטילען ענד
דאַן האָבען זיך מיט עלענד-בענקשאַפט אויסגעצויגען דיינע
הענד.

עס האָט דאָך אַלץ אָן דיר זיך נאָר געווענדט!

ווי לייכט איז מיר געווען אויף מיינע פלייצעס אומצוטראָגען
בלויע פרייד,

בעת דיינע אומגעריכטע תפילה־רייד!
ווי לייכט געוועזען איז די הערשאַפט—כל צבאות—פון'ם
גאַנצען הימעל,

די אַלע זונען, אַלע שטערען-זונען,
ווען כ'האָב דעם וועג אין מיר צו דיין נשמה
אויסגעפונען!

כ'האָב אויסגעטרונקען ווייך אַ פולען ליליען-בלימעל— — —

און פיל מיליאָנען הערצער האָבען פלוצים זיך אין מיר
פערלאָשען!

און אַלע פלאַמען-גלעקער האָבען ווי פערלאָרען ס'לשון!
און ס'איז מיין נישט-ענטפלעקטע חושים-טרעהר
פערביטערט, שווער!

נאָר פרוב מיך צוטוליען אַ חלום-ווייל צו דיין ברוסט,

(דו מוזט עס טאָן דיין רוהיגקייט צוליב, דו מוזט!)
ווּעסטו דערהערן אפשר אויך דעם הילכיגען געקלאַנג,
פון מיינע בלוטען—דעם צוּבּרויזטען שטורם-גאַנג,
פון די מיליאָנען הערצער דעם געזאַנג___ ___ ___

—אָ, וויג מיך איין אויף איין-און-איינציג אויגענבליק!
אין דיין געדאַנק!"

וועגן אַ משומד.

אַ חורבה-הייל, אַ האַרץ, אין קלעמונג, אַ פּערוויסטעס...
און אויגען—ווייט פון רוהיגקייט, פון אונטערגעבען זיך,
פון קריסטוס:

אַנ׳אָבגע׳שמד׳טער יוד האָט יאוש׳דיג אויף מיר געקוקט
ווי פון אַ גורל-אומגערעכטיגקייט פערצוקט;
און ס׳האָבען ווערטער זיך אויף ליפּען אויסגעלאַשען.
און ס׳האָט מיט ציטערן פון האַרץ געביטען זיך דאָס לשון...
(קאָן זיין, דער מענש האָט אָקאָרשט נאָר צום צלם זיך
געבוקט,

און גאָרנישט, גאָרנישט נישט געזעהן!).

איך וויים נישט, ווי און ווען עס איז מיט איהם געשעהן!
אין שטרויכעלדיגע בליקען, אויגען אומגעביטען,
גיט אַ ברען

אַ פיבערהאַפטער פייערל פון סתם אַ ניי-געבוירען האַר;
און מיט אַ כעס פערביסען שטראָמט אַרויס אַ גאַליג
לעסטערונג און שפּאַס,

צושמייכעלט מיט אַ פלוצלונגדיגען שמייכעל ווילד,
אין רעטעני׳שען איינגעהילט.

און שווער דער פּתרון איז... נאָר טרעפען—איך פּרוביר:
„ס'איז חוה'ן דאָך צוליב?.. יאָהאַנא?.. צוליב איהר?..״

— — — — — — — — — —

און ס'נעהמט אַרומ'עט מיין נשמה אומגעריכט אַנ'אומעט
צום אומעט-אומעטיגען און פערוואָהרלאָזטען משומד...
און ס'טרעהרענט אין מיין טרייסטענדיגער שטים
אַ קריסטליכער רחמנות-זאַלב פאַר איהם!—

דאָס טעמפעל פון וועסטאַ.

און פלוצים קריג איך ליב—און ס׳ווער אַגעצענדינער!
און ס׳בליהט אין הערבסטיג האַרץ,
אין נאַכט-נשמה שוואַרץ—
אַ פריהלינג יונג, אַ גרינער!
און ס׳וואַקסט אַ נסים-פולער טעמפעל אויס,
אַנ׳אונעננד-היכער, ס׳וואַקסט אַ מירמעל-הויז,
אַ מיסטיש-שטילע בלויע רויז—
דאָס טעמפעל פון מיין פלאַם-מזבח׳דיגען פייער,
דאָס טעמפעל פון דער היימישער און צאַרטער רוה!..
און איך—דער מאַמין פון דיין צניעות גרויס, אַ טרייער,
אַלייגעבוירענער, אַ שפּאָגעל-נייער—
אין דער אמונה-דביקות גרייט צו געהן אין קדושים-פייער!

און דו, און דו—
צי וועסטו עס רעכטפאַרטיגען, דערפיהלען עס צי וועסטו
מיין גלויביגקייט, מיין פלוצלונגע אמונה, געטליך וועסטאַ?
מיין תמימות׳דיג קינד! בת-מלכה פון בת-מלכה׳ס,
אַרומגערינגעלט אין דעם קראַנץ פון כהנ׳טעס, וועסטאַלקעס—
די בתולות, זינגענדיגע תפילות, לויב-און ליב-געזאַנגען
צו דעם, וואָס אין דער וועלט איז אָהן אַ שפור פערגאַנגען,

און וועט שוין קיינמאָל ניט, אָ, אפשר קיינמאָל ניט,
אַפילו נישט אין זוניגסטען בעהאַרצטען ליד—
זיך אומקעהרען צוריק
פאַר פילע—אויף אַנ׳אויגענבליק!

אָ, פלוצים קריג איך ליב, און כ׳ווער אַ געצענדינער,
און כ׳ווער דער גליקליכער אַרויסגעפינער—
פון מידען זוכען לאַנג, שוין לאַנג אַ זינדיגער, אַ בלייכער—
פערוואַנדעלט אין אַ יוגענד-יונגסטען גאָט-דערגרייכער!
און ס׳ווערען אַלע טעמפלען אַנדערע, וואָס האָבען נישט
דערוועקט קיין לוסט,
וואו כ׳האָב אומזיסט על-חטא געשלאָגען זיך אין ברוסט—
פערוויסט און פוסט...
און כ׳וואַקס אַליין ביז אונענד אויס,
אַ נזיר גרויס פון ערב-רב אַרויס!

און כ׳לעג מיין גליהענדיגען שוואַרצען קאָפּ אין שויס.

און ס׳איז מיין קאָפּ בעקרוינט מיט ווייגען-בלעטער,
ליבע-לאָרבען,
בעטרונקען פון התלהבות און פון תפלה-וויין,
צו דיר אין צניעה׳דיגען שויס אַריין—
אויף דעם מזבח-פלאַם אַ לעבעדיגען קרבן!

און גלויב מיר, ווערסטע, ס׳איז נישט פיל:
עס איז אַ טראָפּען טוי פון מיין געפיהל,
און פון מיין וועזען אין דעם קניהען טריי דערהויבען!
עס מוז אַגאָט, אַגעטין אין די מענשען-קינדער
גלויבען!

עס מוז אַ טויט-פער׳משפט׳ן בעפרייען דיין דערשיינען;
אַ טויט-פער׳משפט׳ן צו לאַנגווייל און קאַטאָוועס—
בעפרייען מוזטו, ווערסטאַ, פון דעם עונש-מות,
און ברענגען איהם אין טעמפעל פון דיין נאָמען אויבען-אָן,

ווי ס'האָבען דיינע פריסטעריגס אַמאָל, צמאָל געטאָן!

וועץ פלוצים קריג איך ליב—און כ'ווער אַ געצענדינער!

און ס'ווערט די רגע דורך דיין נס אַפריהלינג אייביגער, אַ גרינער,

און ס'וואַקסט דיין אומגעריכטער הויכער טעמפעל אויס— —
דאָן, וועסטאַ, רוהט מיין קאָפּ אויף דיינע קניע און אויפ'ן שויס.

און קוק זיך איין און הער זיך איין, ווי כ'בין אַצינדערט גרויס,

און ווי עס זעהען מיינע אויגען, פריהער—פון רגילות'ן, מנהגים—בלינד,

אָ, וועסטאַ, געטין פון מזבח-פייער! (כשר סאַמעטענע יודיש מזרח-קינד!)

זאָל זיין, אַלץ-פליהט פאַרביי! די רגע פון אַצינד—אַ ווינד!
זאָל זיין, אַז דו און איך—מיר וועלען ווערען אָבגעבליהט!
זאָל זיין—מיין געצענדינער ט'נישט מעהר געדויערן, ווי אָט דאָס ליד!

זאָל זיין! זאָל זיין!
אין דיינע בתולים-ווייבען-אָרעמס היל מיך איין!—

הדסה—אסתר.

פערסישער טאַנץ.

בלום, בלום, בלום און בלום!
בלומען-קלאַנג, בלומען-גאַנג !!
כ'געה פערשמעקט מיט אַ געאַנג!
כ'געה פערדעקט מיין פנים בלאַנק
פון דעם עבר ווייט און לאַנג...
איך אַליין אין שענקייט קום:
בלום, בלום, בלום און בלום!
קום, דער טעפּיך איז דאָך גרייט:
אויף די טרעפּ איך געה און זינג,
פון די אויגען שעפּ איך פרייד,
איך—אַ יודיש טאָכטער פרום,
איך—הדסה בלאַסער ווער:
כ'טראָג אין אויג מיין פאָלקס אַ טרעהר...
בלייבען מיר דאָך זאַלבעצווייט,
שטילע רייד, מלכות-רייד...
אויף מיין פינגערל—אַ רינג:
כ'האָב אַצינד אַ האַלבען לאַנד,
און איך זינג! און איך קלינג
מיט מיין צירונג אויפ'ן האַנד...
כ'האָב אַצינד אַ האַלבע וועלט,
מיין בטחון קעהרט זיך אום,
אום צוריק צו... בלום און בלום,

און מיין טרעהר אין אויגען קוועלט...
האָב איך זיך בּיים טראָהן געשטעלט,
אויפ'ן טראָהן מיין טרעהר געלעגט,
און צום מלך זיך פערנייגט:
—מלך, גרויסער מלך, הער,
נאַ דיר אָב די האַלבּע וועלט:
טריקען אויס מיין שטומע טרעהר!..
האָט מיין האַר זיך אויפגעשטעלט,
און זיין שרביט-גאָלד געשטרעקט
מיט אַ צייכען מוט דערוועקט,
וואָס איז גוזר און בּעפעהלט!
העל אין איצט מיין גאַנצע וועלט!
און אַרום און וויט אַרום:
בּלום, בּלום, בּלום און בּלום
זינגען שטום אַזוי און דין!
איך בּין זייער מלכּה גרין...
איך בּין זייער שטערען-גאָלד!
כ'האָב אַ שטערען זיין געוואָלט!
איך, הדסה, בּלאַסער ווער,
און איך ווער אַ שטערען-טרעהר...
אוי, איהר טעפּיכער פערשפּרייט,
לעגט זיך אויס'עט בּרייטער בּרייט!
איהר, חכמים, רוהען געהט,
איהר, סריסים, זייט בּעגלייט,
ווען עס וועהט שוין נישט די טרעהר,
ווען עס וויינט דאָס האַרץ נישט מעהר,
ווען דער גורל שוין נישט שרעקט!..
טירקעלטויבּען בּרומען פרום,
פון אַ חלום אויפגעוועקט...
בּלומען האָבּען מיך פערדעקט—
בּלום, בּלום, בּלום און בּלום...—

פּורים־שכּרות.

„אָ, קיינער פון הערשער פערמאָגט דאָך נישט, קיינער,
„ווי איך—אַזאַ ליכטיג בריליאַנט!
„איבער הונדערט און זיבען און צוואַנציג מדינות
„פערשפּרייט איז מיין הערשענדע האַנד!
„און גרויס זענען אוצרות פון גאָלד און פון שטיינער
„אין פּרס, אין גליקליכען לאַנד.

•

— „אַהער ברענגט די מלכּה און ווערען זאָל פרעהליך:
„די קעניגין ברענגט מיר אַהער!"
עס שמייכעלט אין בענקען דער שכּור'ער מלך
און ס'ציטערט אין רופען אַ טרעהר:
— „אָ, ושתּי המלכּה, מיין ווייב די געליבטע,
„עס רופט דיך דעם מלכ'ס בעגעהר!"
און ס'קוקען סריסים מיט אויגען בעטריבטע:
—„נישטאָ שוין די קעניגין מעהר!"
און ס'ציטערן אויף אינ'ם צער די סריסים
און טרעטען פערצווייפעלטע אָב:
„חרטה-געפיהלען—דאָס מוזען געוויס איהם
„פער'חוש'ן זיין האַרץ און זיין קאָפּ..."

*

—„אַהער ברענגט די מלכּה! און פרעהליך זאָל ווערען!
„זאָל הערען און זעהן זי די וועלט!
„און אַלץ זאָל זי הערען און טרייהייט איהר שווערען—
„פאַר אויגען פאַר מיינע געשטעלט!"

*

דער „מלך" איז שכּור, און ס'ווערען אין צאָרן
געבאָרען געדאַנקען פון וויין,
זכרונות—פערגעפּעלט, פערטויבטע געבאָרען
פון עפּיס אַ שווידערליך פּיין.

*

דער טאָג קומט געלאָדען מיט נייע בעגעהרן,
פון נאַכט און פון שוואַרצקייט געוועקט— — —
און אסתר — — אַ ליכטיג פריהמאָרגען-גרין שטערען
ווערט טיף אין מיין האַרצען ענטפּלעקט. —

אין לבנה׳דיגען שימער.

—מזל-טוב! „מיט מזל זאָלט איהר לעבען!״ מזל-טוב!
און כ׳הער אַ שטראַהלען-פליסטער אינ׳ם שלאָף!
און כ׳הער אַ צאַרט לבנה-שמועס אָהן אַנ׳אָנהויב, אָהן אַ סוף.
און כ׳זעה אין ווייסען קיטעל טאַנצט אַ רב,
אין אַטלעס, ווייס, אין גאַרטעל—זייד געגורט די לענדען,
אַ מורה הוראה
מיט בליקען רחמימ׳דיגע בלויע.
ער מוסר׳ט אימעצען און פסק׳נט גלייך אַ גיהנום-שטראָף,
און מאַכט אַ ברכה אויף אַ פולען כוס מיט וויין,
און קוקט אין דער לבנה טיף אַריין—
אין קוואַלענדיגען שיין פון סודי-סודות און אונענדען.
און ס׳פליהען אום אַרום די זילבערנע לבנה-טויבען,
און שטראַהלען קלינגען, טרעהרענדיג אַריין אין שויבען
און— —הויבען אויף די לעפלען-פאָרהענגלעך פון מיינע אויגען,
קוים, קוים בעוואויגען,
אין אָנהויב פון לבנה-חלום.
—שלום-עליכם, יודעלעך! עליכם-שלום!

זינגען יודעלעך לבנה-לידעלעך און טאַנצען,
טאַנצען דער לבנה יונג אַנטקעגען!

וויל איך עפּיס, עפּיס פרעגען,

און די ליפּען הויבען אָן זיך, קוש׳ענדיג בעוועגען,
און די אויגען הויבען אָן אין דבקות-פרייד צו גלאַנצען!

הער איך אינ׳ם שלאָף
אויפסניי אַ זינגענדיגען מזל-טוב,
אַ זילבער-ווינדטעלדיגען פליסטער.

—ווער מען, יודעלעך, בעגריסט איהר?
—מאי קא משמע לן?
—ווער מען געהט עס אָן?
—ווער מען קעהר זיך אָן דער נגון דער פערזיסטער?

ענטפערט מיר אַ קליין לבנה-טייבעלע, אַ טייבעניו, ווי קליין:
—„דיך אַליין דאָך מיינט מען טאַקי! דיך אַליין!"

און עס וויקעלט זיך און דריבעלט זיך אַ דין לבנה-פאָדים...
—געה איהם נאָך און לאָד איהם!
—שפּיר איהם נאָך, בן-אָדם!

די שטערען-קאַרעראָדען פיהרען
שטילע, אויפגעבליהטע—שימערירען,
שימערירען, שמייכלען זיי און גלאַנצען,
און לבנה-יונגעלעך אַ ריקוד׳ל, אין טוי מעוטף, טאַנצען.
דאָס אינגאַנצען! דאָס אינגאַנצען!

— — — — — — — — — —

—רויטע פּאָמעראַנצען! ביליג פּאָמעראַנצען!
—אוי, בחור׳ל, אוי פיינינקער! לאָמיר געהן טאַנצען!
—לאָמיר געהן שפּאַצירען!
—לאָמיר, בחור׳ל, צוזאַמען,
—אַ געזונד צו איהר, דיין מאַמען—
—לאָמיר, בחור׳ל, לאָמיר, זכר׳ל, לאָמיר אַ ליבע פיהרען!
—כ׳וועל דיך נישט פערפיהרען!
וועסט פון מיר, חלילה, קיינמאָל נישט קראַפּירען!

העי, עס שווימען אום אין ים פון זילבער—גאַסען!

געהט פאַרביי אַדורך אַ מרה-שחורה׳ניק, אַ כעס׳ן,
שרייט ער אויף די האָר-בעקרוינטע מיידלעך אויסגעלאַסען,
אויף די זינד-געזאַלבטע שוועסטער:
„גאָט אין האַרץ פערגעסט איהר?״

—וואָס איז ס׳בעסטע אויף דער וועלט?
—געלד! געלד! געלד און געלד!

און דער כעס׳ן שעלט און קוועטש,
זידעלט ער און שיט מיט קללות.

— — — — — — — — — — — — — — —

און עס פאָהרען אום פרינצעסינס אין גאָנדאָלעס,
ווי די ווייסע שאָטענס אין די ציטערדיגע שטראַהלען
אין לבנה-שטרוימען, שטילע טרוימען-קוואַלען.
מאָדנע, מאָדנע ווערטער שוועבען,
שפינען כלה-שלייערס, וועבען
איהר, לבנה׳ס וועגען זוימען אַ גאַליאַנדע.
מאָדנע ווערטער, ווי די כשוף-שטערען, פאַלען...

— — — — — — — — — — — — — — —

—ס׳איז אַ חרפה און שאַנדע!
—מען קאָן דאָך נישט אַ גאַס אַדורך!
פון יעדער טיר אַ שלענגעלדיגער תאוה-שורך,
פון יעדער שויב—אַ נאַקעט לייב צום דרויסען.
ווער איז עס אויסען?

—אוי, זאָל זיך היינט די תאוה גרויסען!
אוי, זאָל זיך היינט די תאוה פרוכפערן און מעהרען!
און זאָל זיך וויין צוגיסען, רויט קידושין-וויין פון שטערען!

—העי, שוועסטערלעך, אַרויס אין דרויסען!

נישט שען: פאַר אַלטקייט—זיך דערשראָקען!
דערשראָקען פאַר א זקן!
און זאָלען אייערע געלעכטערלעך צוגלאָקען,

און זאָלען זינגען זיי אַ וויגעדיגס, אַ שטילעס— —
העי, שוועסטערלעך, זייט מחותנית׳טעס, נאָר ערנסט און געלאַסען,
און הערט אַ ווײלע אויף צו לעסטערן און שפּאַסען:

איך שפּיל היינט חתונה מיט לילית!
איך האָב היינט חתונה מיט לילית!

העי, שוועסטערלעך! העי, מיידלעך אויסגעלאַסען!
ברענגט יעדערע פון זינד פון אייערע אַ קרבן
לכבוד מיר, דעם זינגער—אַ לבנה-גלעט,
לכבוד מיר, וואָס האָט היינט אַשמדאי מיט ליליע-לילית׳ן געג׳גט,
לכבוד דעם, וואָס ס׳איז דער גיהנום-גאָט געשטאָרבען.

— — — — — — — — — — — — — —

געשטאָרבען, אויסגעשטאָרבען אַלע גאַסען;

די אותיות—אויסגעלאָשען אויף די שילדען!

און שטערען טאַנצען איצט אַ מצוה-טאַנץ אַ מילדען,
מזלות-קאַרעראָדען... און ס׳ברומען קאָנטראַבאַסען,
און ס׳שפּילען פריהלינגס-ווינדטען אין די פלייטען:
דעם הימעל-בלוי אַריבער ערד צושפּרייטען,
און ס׳זילבערן די פּנים׳ער נאָך מעהר—טראָמפּייטען
און ס׳גרימפּלען שטראַהלען-פידעלעך, די אונטערפיהרערס
און בעגלייטען
דאָס חתן-כלה-פּאָר, דאָס בלייכע יונגע פּאָר!

און לאַנג, ווי לאַנג עס זענען איהרע זילבער-האָר!
ווי גלעטענדיג זיי האַלדזען, וויקלען מיך אַרום!
ווי בליצענדיג עס גליהט איהר מויל—אַנ׳אָפּען לאָטאָס-בלום!
ווי רונד-לבנה׳דיג עס זענען איהרע ברוסטען קלאָר!
ווי ס׳שמייכלען איהרע ברעמען זיס,
בעת ס׳פליגלען אום אין דעם לבנה-טאַנץ די פיס,
בעת ס׳אָרעמען די אונ׳ענד און די ענד
די אויסגעבענקטע, טוי-געטרענקטע הענד.

הײַ, כּלי-זמר׳לעך, שפּילט פֿריילעכס און שטילעס,
פֿערוואונדערטעס און שטילעס!
אַ מזל-טוב אונז בײַדען—מיר מיט לילית,
דער יונגער פּאָר פֿון די לבנה׳יגע לעגענדען!

— — — — — — — — — — — — — —

און כ׳הער אַ שטראַהלען-פּליסטער אין׳ם שלאָף.
און כ׳הער אַ צאַרט לבנה-שמועס אָהן אַנ׳אָנהויב, אָהן אַ סוף.
און כ׳זעה אין ווײַסען סילבעל-שטריימעל טאַנצט אַ ווײַסער רב,
אַ מורה-הוראה,
מיט אויגען שטערענדיגע, רחמים׳דיגע בלאָהע,
אין אַטלעס ווײַס, אין זײַדען גאַרטעלע געגורט די לענדען.

מיט אליהו הנביא.

עס איז געווען אַ בלויע סאַמעטענע ליל-שמורים-נאַכט,
פון גוטען נביא׳ס גייסט בעוואַכט.
און כ׳בין פון איינזאַם ס ד ר מ יי נ ע ם, פונ׳ם הויכען מויער-הויז
אין שטילקייט פון דער גאַס אַרויס.
אַרויס—בעגעגענען דעם נביא, זיינע וואונדער, זיינע נסים גרויס,
ד י ע ל ע נ ד-ו ו א ו נ ד ע ן צ ע ר ט ל ע ן א י ן ל ב נ ה-ש יי ן,
דעם בוועם אָפּען, אויגען—פול מיט פינקעלדיגען טרעהרען-וויין,
וואָס האָבען, ווי אין חלום אָנגעקוקט די שטערען—
אין סודות׳דיגען הימעל טיף אַריין.
און ס׳האָט די גאַס געהאַלטען אין אַ מיטען שטילען קלערען,
געזונקען אינ׳ם אויר, אינ׳ם לערען...
און יעדעס הויכע יום-טוב׳דיגע ליד,
און יעדער קלאַפּענדיגער קלאַנג פון טריט—
וואָלט, דאַכט זיך, איצט די מלכות׳דיגע רוה צושטערען.

האָב איך אַראָבגענומען פון די פיס די שיך,
ג ע ה יי ל י ג ט ז י ך,
און ווען אַ שטילקייט-קול האָט מיך געפרעגט, גערופען מיך—
האָב א י ך געענטפערט שטילערהייד,
אַ ז א י ך ב י ן ג ר יי ט—

פאַר שוואַכקייט פון מיין האַרץ, זיך אָנגעהאַלטען אין
מיין ווילען גרויס...
דערנאָך—ווען בלייך בין איך געוואָרען, פון לבנה אויסגעווייסט,
געגליכען צו דעם נביא׳ס זילבער-לויכטענדיגען גייסט,
בין איך צוזאַמען און מיט איהם אַרומגעגאַנגען,
אין שטרוימען פון די הייליגע געזאַנגען
פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז
דורך איהם געפיהרט, די אויגען פעסט פערמאַכט,
אין סאַמעטענער בלויקייט פון דער פסח׳דיגער נאַכט.

לבנה

שטערן-קלאַנגען און געזאַנגען.
רייַנער זילבער—חופּה-שטאַנגען.
און אַ דעקטוך—הימעל בלויער.
און אין לאַטש—אַ בלום פון טרויער.
און אין חלום שטיל געגאַנגען
זענען מיר צוזאַמען ביידע,
איך — — מיט דער לבנה-כּלה.
מחותּנים—אַלע, אַלע.
און געבענשט האָט אונז אַ זיידע,
גאָר דער עלטסטער פון דער עדה—
אליהו נביא! אָנגעגאָסען
ווייַן אַ כּוס, און מיר, דעם חתן
עס דערלאַנגט צו סאַמע ליפּען...
„נישט—אַ טראָפּען איבערהיפּען!"
נישט אַ טראָפּען ווייַן פערגאָסען!
—פרעהלין, שטערען, שמחה וששון.
זיבען מאָל אַרומגעגאַנגען
מיט לבנה'יגע פערלאַנגען,
מיט לבנה אום צוזאַמען
אין די זילבער-קיהלע פלאַמען.

און מיין כלה האָט געשוויגען,
בלייך און הויך אַרויפגעשטיגען — —

האָב איך היינט, ווען ווינדסטען פּאָכען,
ווען די וואָלקענס-שטערען רויבען
מיינע אויגען הויך דערהויבען
צו דעם סוד פון אַלע וועגען,
אויף מיין כלה זיך צו פרעגען:
אַ לבנה-שפּרוך געשפּראָכען.

אליהו הנביא'ס כוס.

פ'בעוועגט זיך שטיל דער צמוקים-ווייַן אין אליהו נביא'ס בעכער,
און ס'דוכט זיך, אַז ער ציהט זיך צו מלאכים-ליפּען אויס;
בלויז פונקען-פייערלעך פון ליכט איצט הויכען, פלעמלען העכער
און געהען אויס אין אַ קרבנות'דיגען בענקען גרויס.
בעוועגט עס אימעצער מיט פליגלען איבער מיר אין לופטען!
און ס'דופטען ווייַנען-ריחות מיט אַ הייליגען גענאָד...
אָ, העלף מיר, גאָט, דעם זינגער דייַנעם, העלף דעם אויסגעפּרובטען
נאָך איין נסיון בייַצושטעהן, אָ, העלף מיר גלויבען, גאָט!
אַ סוד איז איצט אין מיר אַרייַן פון דרייסטקייט און פון וואַגען,
און ס'ציטערט אַלץ אין מיר—איך בין אַ שטורם-ווירבעל-ווינד;
און ס'שפּילט אַ דונער-ליד מייַן האַרץ—דער אייביגער מנגן,
דאָס תמיד לויער'נדע, זוכענדע קדושה-קינד...
געשווינד! פאַר שפוך חמתך זענען צוגעמאַכט די טירען:
עס איז אין סדר-חדר איצטער קיינער נאָך נישטאָ,
איך וועל די ברעגען פונ'ם כוס מיט ליפּען נאָר בעריהרען

נאָך איידער אַלץ ! עס איז דאָך איידער נאָך... „ברוך הבא !"
האָ-האָ ! ס'איז וואויל און זיס ! ווי זיס, ווי מלאכ'דיג דער
ויין איז
פון אליהו נביא'ס גרויסען כוס, עס טריפט אַ קוואַל פון מוט
און גיסט דעם הייסען גלות אַריין ! ווער האָט צו גאָט איצט
טענות ?
ס'וועט אַלץ פערענטפערן מיין יונגעס אויפגעשלאַמטעס בלוט !..
— — — — — — — — — —

איך האָב דעם כוס, אליהו נביא'ס ווין איצט
אויסגעטרונקען,
זיין וואונדער-גורל איינגעזאַפט און כ'פליה איצט אין
דער וועלט,
וואָס איז אין אָבגרונדען פון הרפה און פון שאַנד פערזונקען,
דערטרונקען אינ'ם כף הקלע פון גליוועדיגער קעלט...
און ס'קוועלט מיין יונג און זודיג האַרץ : איך טראָג אַ טרייסט,
אַ היילונג
און ס'שיינט, ווי זון, מיין גאָלדענע מרכבה איבער דר'ערד !
געלויבט איז דער, דעריעניגער, וואָס גלויבט אין
אויסדערוועהלונג !
—העי, פלינקער, פלינקער פליגעלט, מיינע פייערדיגע
פערד !—

צו לבנה.

—וואָס איז מיין פּנים זילבער-בלאַס אַזוי און קיהל?
און מיינע אויגען-שטיל?
עס איז אַ גרויסער סוד! און אפשר נישט קיין סוד איז עס,
און נישט קיין נס—
ס'איז היינט געקומען פון אַ „יענע וועלט"
אַ מת אין מיין געצעלט,
מיין כּלה, די לבנה. מיט גענאָד זיך אָבגעשטעלט
ביים פענסטער פון מיין רוה!
און צוגעמאַכט די לאָדען זענען דאָך געוועזען צו;
און מיין נשמה—אינ'ם חלום איינגעדעקט.
זי האָט פאַמעליך אָנגעקלאַפּט
מיט שטראַהלען-פינגערלעך, פול בענקען אָנגעזאַפּט,
און—האָט מיך אויפגעוועקט.
אַהאַ, מיין שטילע! שטילער, שטילער. שטיל.
דיין אָנקומען איך פיהל.
און כ'האָב מיט הייסע הענד,
פון זילבער-גלאַנץ פערבלענדט,
צו איהר זיך הויך, אוי, הויך, אוי, הויך אַוועקגעצויגען,
אַוועקגעפלויגען,
אַרומגענומען זי אין בענקשאַפט-פלאַם,

מיט בלוטען פון מיין אויסגעוועקטען האַרצען-ים.
און זי ט'אַרומגעשלענגעלט מיך מיט צאַרטע שטראַהלען,
מיט אַלע לחש-שטרויכלענדיגע קוואַלען.
ביז וואַנען מיר— —מיר זענען,
בערוישט פון שוימענדיגען קוש, כמי פון תאוה-ווייגען,
אַין איין האַרמאָניש שיינען,
אין אָבגרונדען פון וואָלקען-שוים אַראָבגעפאַלען.
און אָבגעלעגען דאָרט אַזוי אין אָרעמס ענג בעהעפט,
אין אַ יצירה-קלעמונג, ווי געפלעפט—
אזוי אַ גאַנצע נאַכט
געשמאַכט.

אַנ'אויג פון אונז האָט קיינער נישט פערמאַכט— —
און ווען ס'האָט אָנגעהויבען גרויער טאָג צו ווערען,
און ס'האָבען שוין אַהיים אַוועקשפּאַצירט די שטערען,
אין ערגעץ, אין אַ ווייטקייט ווייט,
דאַן האָבען מיר:
די—פון מיר און איך—פון איהר—
פון אָרעמס זיך בעפרייט.
איז זי, אַ בלאַסע, מיד און מאַט פון מיר אַוועק,
און איך, אַ שטילער, האָב אַראָבגענידערט דאָ, אין איינעם
פון די גרויע טעג.

איינזאַמקייט און אומעט

שטיל—אין שימער פונ׳ם צימער,
די פאַרנאַכטען ווערען פרימער.
און די איינזאַמקייט פערלאַכט—
ווערט אַ זקנה גרוי פערטראַכט,
קאַרק און נאַקען איינגעבויגען,
איינגעשרומפען, איינגעצויגען,
און אויף קורצזיכטיגע אויגען
טוט זי אָן פעראומערט שטיל
אַ פערזשאַווערט ברי׳ל.

חבר׳ט זיך מיט איהר דער אומעט,
און אין טויבען אויער זשומעט
מאָדנע איינגעליבטע רייד
גליקליך, לאַכעדיגערהייד ;
און די אַלטע טויבע שמייכעלט— —
עפּיס טוקט זיך דאָ און בלייכעלט
אין אַ שפּאַטען יונג צו׳שכל׳ט...
ווישט די אַלטע ליפּען אָב,
שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

און עס שפּרינגען לצים-יונגען,

לצים-יונגלעך שפּאָט-צווונגען,
לצים-שקצים, צינגלעך—שאַרף,
ווי, ס'אַ שטייגער, זיין בעדאַרף — —
פֿאַלט איהר אָן אַ כעס און צאָרן,
שילט די אַלטע זיך די יאָהרען,
און די טעג און דעם זכרון;
און געשרומפּען פליהט אַוועק
אומעט אין זיין וועג!—

דער נס.

דער קינסטלערין עלמית.

אַ שטורם-שפּיל פון ליידענשאַפטען-פלאַמען.
אַ פּלוצים אויפברויזען פון אור-געקיהלטע ים׳ען.
אַנ׳אויפפּראַלען פון אויפגעוואַכטע פייערבערג.
און ס׳ווערט אין געטער-קוש ענטפּלעקט דאָס נסים-ווערק,
דאָס ווערק פון אייביגקייט, געבוירען אין די חבלי-לידה-ליידען,
אין ציטער-זיפץ פון די פערפּלאָנטערטע נשמה-זיידען!
און ס׳בליהען, ווי די ווייסע פלעמלעך כשוף-בלומען,
געצערטעלטע פון בלוטען-כּוואַליעס—שלאַנק,
און פון אַ דונערדיגען קדוש, קדוש, קדוש-ברומען,
און פון די חושים-קושען—כהנים-געזאַנג.
און זילבער-בלאַנק—
דערהויבען זיך די הימלען, און די אונענד-הויכלען
אין די קרבנות-רויכען
פון דעם געצאַפּפערטען אין תפילה-בליקען—דאַנק.

אָ, גאָרנישט לאַנג,
נישט לאַנג צוריק
האָט נאָך געפלאַקערט, ווי דער סנה
אין פליגעל-פלאַטערן ראַשעל׳ס פערגעטערט בליק—
אַ הימעל-שטיק אין רעגענבויגען-שבועה אויפגעבליהט,

אין אויסדערוועהלטקייט פון דעם אַלטען נגון—„יוד,"
און ס'האָט דער שטאָלצער דאָן זשואַן, דער זינגער
ד ע - מ י ו ס ע
אין אַ פער'דבק'טער בעגייסטערונג פון ליד געקניעט!

און שפּעטער נאָך און איצטער מיט נצחון איבער קנעכט
און האַר

געוועלטיגט מיט נשמה-שוואונג
די וואונדער-הערשערין ב ע ר נ אַ ר,
מיט יעדען אויגען-בויגען-וואונק,
מיט יעדען ווערטער-קלונג,
אין וועלכען ס'הילכט דער ווידערקול
פון ווייטען, הונדערט' דורות ווייטען לעגענדאַרישען „אַמאָל",
פון די נבואה-רייד— — —

און אומגערייכט און מיט אַ טרעהר פון פרייד בעגלייט,
האָב איך דערהערט אין ערשטע מייסטער-גאַמען
דעם שטורם-שפּיל פון ליידענשאַפטען, פלאַמען,
דערזעהן—אַנ'אויפברויזען פון אור-געפרוירען ים'ען,
אַנ'אויפציטער פון אָבגעקיהלטע פייערבערג,
דאָס נסים-ווערק
פון ערד און הימעל אויסגעשמידט!
דאַן האָב איך צו דער ווייטקייט הויך געקניעט.

אַ מיטאָלאָגישער אמת.

און ס'ליגט דער גבור, דער אונשטערבליכער, דער
אייביג-יונגער הערקולעס
אַן'אונבעוועגליכער אויף דר'ערד—אַ בלאַסער מת,
און די לויה-וואָלקענס פוג'ם טויט און מתים-נאַכט,
וואָס האָבען הימלען, דעם אָלימפּ פערצוימט, פערמאַכט,
מיט ווינדטען יאָמערן צוזאַמען, ברומען טרויעריגע שטומע שירה.

„דאָס האָט די כלה הערקולעסעס, די יונגפרוי דעיאַנירא
„ביי נעס'ן דעם קענטאַוור פאַר איהם,
„מיט זיסקייט פון איהר איינגעליבטער שטים,
„די נסים-ווייזענדיגע קליידער אויסגעבעטען: צי וועלען
זיי דערוועקען
„די ליבע-לוסט צו איהר? צי ווערט דער מלבוש קלעקען?

„נאָר ס'האָט זיי אָבגעס'מ'ט דער אייפערזיכטיגער,
פערליבטער נעס,
„און הערקולעס איז טויט געפאַלען, ליגט אַ מת,
„און קליידער אַנטישע דעם גבור יונג פערדעקען...

„און ס'רייסט זיך איהרע האָר פערצווייפעלט דעיאַנירא,
„און ס'שטייגען ביז אָלימפּ די בענקשאַפט-אויגען איהרע,
„וואו ס'פיהרט אַ נייע וועלט איהר העלד, אַ נייעם לעבען,
„וואו חתונה געהאַט האָט ער, די קראַפט-פערקערפערונג
פון טוגענד,
„אַצינדערט מיט דער געטין פון דער יוגענד—
„מיט געבאַ'ן!"

שבת־נעפּעל.

אין נעפּעל איז געהילט די נאַכט, אין שלייער פונ׳ם קלערן;
און שטאַרקער די שליטה איז פון יעדערן לאַמטערען,
ווען קיין לבנה איז נישטאָ און קיין בעגריף פון שטערען...

און ס׳שפּרייט דער נעפּעל אויס זיין מאַכט, פערמאַכט פון
אַלץ די אויגען.
דער נעפּעל איז—די פלעדערמויז, וואָס איז אַראָבגעפלויגען— — —
און איינגעצויגען זיך אין זיך—מיר געהען האַלב געבויגען.

און פליגלען גרויסע, גרוי און פייכט פון גורל אָנגעבאָטען,
פון שטן און זיין רומעל גרויס—זיי זענען איהם געראָטען.
און מערק עס דיר, מיין פריינד, דו זעהסט, מיר האָבען
נישט קיין שאָטען.

אין נעפּעל הערסטו שטימען פיל, אַ פליסטערן, אַ ריידען.
אָט, דאָ, אָט נעבען אונז איז גליק—מיר זענען אין גן־עדן,
און ס׳עפּעלע פון עץ־הדעת מיר זעהען איצט
פערשיידען.

ס׳איז שרעקליך, זאָגסטו, נעפּעל איז אַ גרויזאַמער
פערגעסער.
און גליק, דאָס צאַרטע גליק זעהט אויס—אַ שאַרפער
חלף־מעסער...
איך זעה איהם נישט! אָ, טוליע זיך צו מיר איצט
שטאַרקער, בעסער!

שטײנערנע פּינורען

פון העלען טאָג פון פרייד,
פון אומעטיגע, זיסע פרויען-רייד
איך פאַל אַריין אין אָרעמס פון אַ חלום-שלאָף אַ מידען,
און ס׳האַלטען אונטער מיך בעלעבט—קאַריאַטידען,
און טראָגען מיך אין די מרחקים ווייט
אין ערגעץ איבער גרעניצען פון צייט,
אין ערגיץ אין אַ ווייטען, ווייטען וועג,
אין ערגעץ, וואו ס׳פערגעהען נישט קיין טעג,
אין ערגיץ אין אַ זונענדיגען לאַנד,
אין ערגיץ, וואו געשמידט אין בראַנד
געזען וועל איך ווערען—איך, אַטלאַנט.

און כ׳וועל אין נייעם טאָג, אין טאָג פון פרידען
צוזאַמען מיט אַטלאַנטען-ברידער און מיט שוועסטער, די קאַריאַטידען
אַ שטיצונג ווערען, אונטערהאַלטען איבער יעדען תהום
דעם בנין—אונזער בית-המקדש פון דעם גאָט פון טרוים!

און ווי לאַנגווייליג דערווייל
ציהט דער וועג זיך מייל נאָך מייל!
און ווינדטען בייזע, כאַאָס-ווינדטען פאָכען,
און גלידער, אברים זענען נאָך צוגלידערט און צובראָכען—
און ס׳טראָגען מיך אין חלום-שלאָף דעם מידען יודען,
דעם צייט-פערוואונדיגטען אַטלאַנט—קאַריאַטידען!—

דער גולמ׳ל.

האָב איך מיר בעשאַפען פון געדאַנק
און פון אָדערדיגע מירמעלשטיינער בלאַנק
מייגעטוועגען זיך אַ גולמ׳ל, אַ פרויען-קערפער שלאַנק—
אַ געשאַנק.

און דעם שם המפורש איינגעקלעפט אין ברוסט,
(צו בעלעבענס האָב איך טאָן עס דאָך געמוזט).
האָט דער גולם זיך געוואָרגען און געהוסט
פון דער לוסט.

—„טוסט מיך צערנען”—האָט דער גולמ׳ל געוויינט.
יעדע טרעהר—אַ ציטער-טויעלע בע׳חנ׳ט.
ווייס איך ניט, דער גולמ׳ל וואָס מיינט,
כ׳וועד פערשטיינט.

געהט דער גולמ׳ל שפּאַצירען מיט געזאַנג.
און עס טוט אויף עפּיס מאָדנע, מאָדנע באַנג.
און איך בלייב אַנ׳עלענדער אויף לאַנג.
אָהן געדאַנק— —

צו אײנער, אַ שענער

—„צי איז נאָך דאָ אין אײך געראָטען נאָך אַ צװײטע?
„צי איז נאָך דאָ, װי איהר—אַזאַ צובלומטעס קינד?
„מיט גלידער אױסגעקװשטע פון אַ שחרית-װינד,
„מיט גלידער פון די הימלען הױך אַראָבגעשנײטע?
„צי איז נאָך דאָ אַ צװײטע?

„איהר װײסט, װען כ'האַלט די פינגער מײנע אױסגעשפּרײטע,
„צו בענשען אײך, צו בענשען אײער סודות'פולען חן,
„און גרײט פאַר אײך אַ קרבן—פאַר אַ װעלט צו געהט,
„דאַן האָב איך מורא—פון מזבח-רױך
„און פון געשפּאָרטען װאָרט, װי פונ'ם צאַרטסטען הױך—
„זאָל אױך דאָס קערפּערל, דאָס שנײ-געװײסטע נישט צוגעהן!

„צי איז נאָך דאָ אַ צװײטע פּונקט אין אײך געראָטען?
„צו איז נאָך דאָ אין אײך געראָטען כאָטש אַ שאָטען,
„אַן'אָנצוהערעניש, אַ טראָפּען עהנליך אױף אַ צװילינג?
„איהר לאַכט און זאָגט, אַז—ניט:
—„אָ, גאָט בעהיט!“
„און כ'װיל אײך פאַר אַ מלכה פון מײן איצטיג האַרצען זאַלבען!
„צי װײסט איהר עס: איהר זענט פון יענע שװאַלבען,
„װאָס אײנע נאָר, נאָר אײנע מאַכט אַ פריהלינג!“

הענד.

צוליב ראָדענס אַ סקולפּטור.

I.

אַזעלכע מאָדנע שטיל-פאַרצערטע, צאַרטע הענד בײַ אײַך.
און פינגערלעך געצויגען, ווי מנורה-רעהרלעך גלײַך,
און יעדער נעגעלע—אַ פּערלמוטער-פּלעמעל רוֹזיג!
אין יעדען—אַ בעזונדער שפּרוך, אַ כּשוף'דיגער פּסוק,
אַ סוד פון גרויסען גאָט,
אַ צייכען פון זיין מילד גענאָד,
אַ סימן פון דעם אַל-בעשעפער,
וואָס צו דעם הללויה-זינגענדיגען האַרץ איך דריק,
פון אונבעקאַנטען נאָהנט און ווייטען גליק — —
אָ, הענד, וואָס מיט די ליבע-גלעטען, צאַרטע און
פער'צער'טע איך פערשלעפער,
איך—דער אָפטער פלוצלונגדיגער סודי-סודות-טרעפער.

II.

און אָט, מיין גאָט, איהר ווילט מיר, קענט'לעך,
אַ וועלט פערשטעלען מיט די שמייכעלדיגע הענדעלעך!
צוויי צאַרטע הענדטעלעך, צוויי ווייסע ענטעלעך
אין שטראַהלען-טייך.

איהר ווילט פערשטעלען מיך פון א יי ך ?..
און ס׳וואַכּען, לאַכּען פינגערלעך אויף מיינע אויגען:
און ס׳דוכּט זיך מיר—אַ זון איז אַנגעפלויגען!
און ס׳דוכּט זיך, ס׳לויכּטען פ יי ע ר ל ע ך, מיליאָנען
פייער׳לעך פון גאָלדען-לייכּטער

פון אַ מנורה ריזיג-גרויס,
פון אַ נשמה-וועלט אַרויס!
און ס׳פליהט אַ זיפץ אַוועק אויף שמייכּעל-פליגעלעך אַ לייכּטער,
מיס אומעט-שאָטענס אויף אַ ווייל פערשווינדט ער...
און גלויבט מיר, קינד,
איך ווער דאַן זעהענדיג נאָך מעהר,
און שאַרפער, בולט׳ער ווערט יעדער יונג בעגעהר,
וואָס אייך, די הענדטלעך אויף די אויגען מיינע ער געפינט,
און גליהט, אין הייסען ליכּט אַן׳איינגעשפּינטער!..

III.

און אויך, ווען ס׳גרינע עפּעלע איהר האַלט אין האַנד— —
דאַן דוכּט זיך מיר, אַז עס צוגליהט דאָס עפּעלע אין בראַנד:
דאָס גרינע עפּעלע פערדרויטעלט זיך, צופלאַמט,
ווערט צייטיג אין די מילדע הענד,
און שרפ׳עט, ברענט.
ווער ווייסט, פאַרוואָס די בלוטען האָבען זיך צו׳ים׳ט?
ווער ווייסט, פון וואו דאָס גלוסטיג רעטעניש׳ל שטאַמט?
איז עס, מיין „חוה׳לע,” אַ חתונה-געשאַנק
פון דעם מחותן מיינעם אפשר, פון געדאַנקען-שלאַנג?— —
און ס׳טוט אויף עפּיס מאָדנע, מאָדנע באַנג,
ווי אויף אַן׳אור-פערלוירענעם גן-עדנ׳שען געזאַנג!
איך גיב פון אייער עפּעלע אַ ביס:
ס׳איז וואויל און זיס—
אַן׳אָנצוהערעניש, אַ וואונקען-פונק, אַ גריס...

און נאָך אַ ביס, און נאָך אַ ביס, און—אויס!
עס נעהמען מיך אַרום צוויי הענדטלעך, ווי צוויי פליגלען
ווייס און גרויס

IV.

און אַפטערס איז אַזאַ געפיהל:
מיר ליגעןביידע אין אַ שעפערישען האַנדפלאַך, ווי
פערוויגטע שטיל,
און עמיצער—אַ גרעסטער—קנעט אונז, ווי ער וויל—
אין שלאָפען און אין טרוים.
און אומבעוואוסט און סודות'פול איז ער און אויך זיין ציל,
וואָס זוכט און נישטערט אין כאַאָטישען צוברויזטען שוים!

און ווען מיר זענען נאָך דעם חלום אויפגעלעבט,
אין שטורם-פורעם אויסגעקלעפט—
אָ, דאַן בעגעגענען מיר ביידע זיך אין גרענעצלאָזען פעלד,
אין עפיס אַ פערצויבערטער, געהיימער וועלט,
ווי אויף אַ געוואַלדיג האַנדפלאַך, האַלטענדיג זיך ביי
די הענד,
ווי קינדער אָקאָרשט נאָר זיך נאָהנט דערקענט—
און ברומען, ווי די טויבען תמימות'דיגע ווערטער פשוט, שטיל,
נישט אמת, שוועסטערל, ס'איז אָפטערס דאָך אַזאַ געפיהל?!

רות־שטימונגען.

(טריפטיך).

נעמי—מרה.

—„נישט רופט מיך נעמי! נישט רופט מיך נעמי איצטער!
עס איז מיין גורל שוין אַ טרויעריגער לאַנג.
ס'איז שוואַרץ מיין עלטער! פון לאַנג אַנ'אונבעשיצטער—
אַנ'אומעטיגער ווערט ער, מיין געזאַנג.

נישט רופט מיך נעמי: געשטאָרבען איז מיין שמייכעל,
געשטאָרבען איז די טרייסט און מוט פאַר מיר פון לאַנג.
מיין אייגען גליק איז—אַ וויסט צושטערטער היכל,
און אָבגעחלש'ט איז מיין גליק-פערלאַנג...

נישט רופט מיך נעמי!.. בעת הימלען זענען קלאָרע
פאַר אַלע—זענען זיי פאַר מיר פערוואָלקענט, באַנג.
נישט רופט מיך נעמי! אָ, רופט מיך בעסער מרה!
פערביטערט איז מיין האַרץ און מיין געזאַנג!"—

די קיניגליכע רות.

בּיי די כורעים פאַלענדיגע לעצטע שטראַהלען
קלויבּט די זאַנגען, פון די גאַרבּען אָבּגעפאַלען,
קלויבּט די לעצטע גילדערנע די זאַנגען-שטראַהלען—
די קיניגליכע רות.

—לאָזט איהר, שניטער-יונגען, קלויבּען! לאָזט איהר, בּרידער!
ס׳גילדערן זיך פעלדער פון יהודה ווידער!
און פון שפע זינגען שניטער, און מיט לידער
שיקט איהר יעדערער אַ גרוס.

—לאָזט איהר, בּרידער, שניטער, חסד-זאַנגען קלייבּען!
צווישען אונז זאָל רות, אין אונזער גבול פערבּלייבּען!
ווער וועט העזה האָבּען זי פון אונז צו טרייבּען?!
צווישען אונז לאָזט רות׳ן!

זאָל זי שטילען דורשט פון אַלע, אַלע קוואַלען
פון אונזערע, זיך קוויקען! שטראַהלען-גליקען פאַלען
און די כורעים-פאַלענדיגע זאַנגען, שטראַהלען
פאַלען איהר צופוסען...

*

און עס שיינען קרוין-בּעזוימטע ווייץ און גערשטען-גאַרבּען,
און עס שפּריצט פון דער פערגעהענדיגער זון מיט אַלע
פאַרבּען.

—„אַלץ פון אונז איז—דיינע, דיינע!
„זיי געגריסט, אָ, קיניגליכע שוועסטער מיינע!״—

בועז.

—דאָס שטיק פערלענדטע, פערוואָהרלאָזט הוילע לאַנד פון
אלימלך—

פאַר דיינעטוועגען אויסלייזען עס וועל איך!
פאַר דיינעטוועגען, פאַר דיין גליק
צוריק!

דאָס לאַנד פון אלימלך, דאָס אויסגעבענקט, פערלענדט שטיק!
און ס'וועלען זיך אויפסניי די פעלדער מיט אַפּרייד בעדעקען!
און ס'וועלען שוין אויפסניי די שמחה-לידער זיך דערוועקען!
און ס'וועט פון שרעקען אויסטון זיך דער הימעל-ראַנד
דער בליגר.

— — — — — — — — — —

שטעהט בועז, און ער וואַרט דעם גואל אָבביים
טויער,—

ווי קינדער.

„מיט קושען וועל איך דיך פון מיידעל-שלאָף דערוועקען:
און ס'וועט זיך, ראשית, עפענען דיין האַרץ,
דערנאָך, די אויגען דיינע—שוואַרץ,
דערנאָך, דערנאָך—
וועט זיין אַ יום-טוב'דיגע וואָך.
דערנאָך וועל איך מיט קושען דיך פ ע ר ד ע ק ע ן,
פערטרייבען אין מדבריות אַלע וואָכעדיגע שרעקען,
די שאָטענס, וואָס דיין שיין פערפלעקען.
מיט קושען וועל איך דיך פערדעקען,
אַז קיינער ניט, קיין בייזע אויג וועט אסור דיך דערזעהן—
מיט קושען זידענדיג, צוגליהטע הייס,
מיט יעדען ליפען בליצען-ברען.
און כ'ווייס, אויף זיכער, כ'ווייס:
מיר וועלען זיך אין קינדער שען און קליין פערוואַנדלען,
און ס'וועט אַ מאַמע-ווינד אונז זינגען פון די „ראָזינקעס
און מאַנדלען,"

און פון אַ לאַנד פון בלויע פויגלען-ב ל ו י,
און פון אַ לאַנד, וואו אַלעס ה יי ל י ג ט זיך אין טוי,

איך ווייס עס, אוי, איך ווייס—

און אַלץ ט׳זיך אָנהויבען פון אָנהויב, פונ׳ם אַלף-בית.

מיט קושען וועל איך דיך פון מיידעל-שלאָף דערוועקען,
פערדעקען דיך מיט זיי,
ווי מיט אַ ווייס-געבלומטען דעקטוך פון אַ שטילען שניי,
און איינוויגען צוריק— —אין צאַרטען קינדער-שלאָף.

וואָס ט׳זיין דערנאָך, נישט פרעג,
ווי לאַנג ס׳וועט דויערן, און וויפיל נעכט און טעג,
ווי לאַנג ס׳וועט דויערן דער שלאָף?
איך גלויב, ס׳וועט קלעקען— —
ווייל אפשר האָט די מעשה׳לע קיין אָנהויב און קיין סוף!

פאַרבייגעהענדיג.

אָנזאָג.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט: דערהערט אַ טויט-בעריהרען.
דערשראָקען, פעסט פערהאַקט, געשלאָסען אַלע טירען:
מיר האָט זיך אויסגעדוכט, מען האָט געקלאַפּט צו מיר.
און ס׳שלאָגט דאָס האַרץ אין מיר, עס האַמערט אָהן אַ שיער,
און כ׳שוליע זיך צו דיר. און דו ביזט מאָדנע שטיל,
אין אויגען דיינע בלאַנקט און צאַנקט אַ פאָרגעפיהל— —
און ביי די שכנים ווייגט מען שוין: דער טויט איז דאָרט אַריין!

אוי, קינדעניו, אין דיר, אין ליבע היל מיך איין,
און פרוב מיך, שוועסטערל, אין חלום ווייטער פיהרען.
דו זעהסט— —איך האָב דאָך צוגעמאַכט שוין אַלע טירען!

דיין טויט.

אָקאָרשט ביזטו געוואָרען מת אין די געדאַנקען.
און ליכטלעך צוויי נאָך דיר—אין מיינע אויגען צאַנקען.
אַליין ביזטו אין דער פערגעסענהייט אַוועק,
אין וועג, וואָס אָהן אַנ׳אָנהויב, אָהן אַ ברעג,
און שטיל אַזוי, אָהן ווידערקלאַנגען פון די טריט,

װי ס'שלײכט אַװעק אַ מת, אַנ'אָפּגעשטאָרבען ליד,
עס איז אַזױ נאַטירליך-פּלוצימדיג געשעהן:
אַפילו איך אַלײן—איך האָב עס קױם געזעהן:
מלוה נאָר געװען איז דיך אַ גוסס'דיגער צאַנקען
פון די מחשבות-זרות, װילדע פרעמד-געדאַנקען.

אומגעריכט...

אָ, אומגעריכט אַזױ ביזטו צוריקגעקומען,
און מיך בײם האַנד פערשולדיגט שטיל גענומען,
און צאַרט אַזױ מחילה-בעטענדיג גערעדט.
און ס'האָט דײן װעזען מיך אַזױ געגלעט— —
נאָר מאָדנע, כ'האָב געהאַט אַנ'אױסטערליש געפיהל,
פון װעלכען ס'איז מײן האַרץ געװאָרען קיהל:
אַזאַ געפיהל—װי אַ געשטאָרבענער פון לאַנג,
װאָס כ'װײס, אַז ער איז טױט אין מײן געדאַנק,
געקומען װאָלט צו מיר— —אַזױ ביזטו געקומען
אין חלום, מיך בײ'ם האַנד פערבענקט גענומען.

טרויער.

צו מארק שאגאל.

געשטאָרבען...

דורך לאַנגע גאַסען,
לאַנגזאַם און געלאַסען,
דורך געסלעך טויטע, שמאָלע,
איך פיהר מיין טרויער אָבגעשטאָרבען,
בעקראַנצט מיט שוואַרצע בלעטער-לאָרבען,—
אַנ׳עגלה.

אַ ווינדטעל זינגט זיך אויף אַ ביי-קול.
אַ לאַפּיטוטל פּויקט אין פּייקעל.
איך פערנעהם עס
און כ׳שמייכעל: ברוך דיין אמת!״
די אויגען איך פערמאַך,
און כ׳לאַך. און כ׳לאַך.

און ס׳קייכען שרעטעלעך אַ סך.
און ס׳שפּילט אַ נ׳אימעץ אויף אַ פידעל
אַ שמחה-לידעל,
צוזאַמען מיט אַ בלעכען-פּענדעל אויף אַ דאַך
בעגלייטען איצטער וואָלקענס פרייע
די אויסטערלישע, שטילינקע לויה— — — —

נאָך קבֿורה.

כ׳האָב געלײגט ערשט מײַן טרײַער אין אַ קבֿר פֿערבאַהאַלטען.
אַ קדיש אָבגעזאָגט און אַ מצבֿה־שטײן געשטעלט.
ער רוהט זיך אויס אַרונטער שנײ דעם רוהיגען און קאַלטען,
און כ׳ווײס די סבה נישט: עס פֿעהלט מיר עפּיס
אין מײַן וועלט.

דאָס שנײען־קעלט איז אפשר שולדיג אין מײַן ווײטען בענקען,
דער שטילער, ווײסער שנײ, וואָס ווי זכרונות־שמײכלען פֿאַלט.
אָ, טרײַער מײַן, צי וועל איך דיך אַ לאַנגע צײַט געדענקען?
די שטילע דײַנע טריט, דײַן בלײַך לבֿנה׳דיג געשטאַלט?

איך בענק שוין הײנט, די בענקשאַפֿט גליהט אין האַרצען,
ווי די וואונדען,
די וואונדען שווער און טיף. און ס׳בענקט מײַן יעדעס
ליד און וואָרט.
און כ׳האָב אין מוט—אין פֿאַנצער אָנגעקלײדט און אײַנגעבונדען,
אַוועקגעלאָזט זיך ווײט— —אַוועק צו דיר, צום הײליג אָרט.

ס׳בית־עלמין איז נאָך אײַנגעהילט אין טרײַער אײַנ׳ם ווײסען,
צופלאָסען זיך אין רוים אין פֿרעמדע טרויערן אַרום.
און דאָך— —איך פּרוב פֿערצווײפֿעלט און פֿערבענקט דעם
קבֿר רײַסען,
איך וועלכען ס׳שפּראָצט שוין רויט אַ טרעהרען־
בלוטס־טראָפּען—אַ בלום...

צום שלאָס פון חלומות.

ווי שטיל איז די נאַכט. און ווי שטיל איז דער חלום אין שלאָף.
ווי שטיל עס קומט אָן מיין געליבטע אין זילבערנעם שלייער.
זי רופט מיך אַרויס, און מיר ווערען פער׳כישופ׳טע געהער
מיט וואָלקענס צוזאַם׳, מיט וואָלקענס—צום לאַנד פון אין-סוף.
—וואו פיהרסטו, געליבטע? האַלט פעסטער מיין האַנד!
—עס שרעקט מיך און רופט מיך דאָס זילבערנע לאַנד.

ווי שטיל איז די נאַכט, ווען עס לאַכט די לבנה פערטראַכט,
און שמייכעלט צו אונז, און זי קלימפערט צו אונזערע פענסטער,
און ס׳וועקט יעדער שטראַהל, און דער פינגערל איהרער
דער קלענסטער—
ווען חלום—דערוואַכט, ווען אין חלום מיר געהען דערוואַכט.
—וואו פיהרסטו, לבנה? דיין סוד מיר פערטרוי!
—צום שלאָס פון חלומות! צו אייביגקייט בלוי!

מרה־שחורה.

אַ שטיקעל ניט-דערעסען ברויט—אויף ס׳נייע טעסטאַמענט.
און גרוי, אָ, גאָט, ווי גרוי עס זענען היינט די ווענד.
דער טאָג איז ווי אין אַש-קויהל אויסגעברענט.
און עמיצער, אַ נישט-געזעהענער, פערברעכט די הענד.

און כ׳האָב אַליין זיך נישט דערקענט.

פון פענסטער הויך: ווי קליין, ווי אַלעסדינג איז קליין!
און איין פאַרשוין איז ערגליך אויפ׳ן אַ צווייטען—גרוי,
ווי ברוקען-שטיין.

און גאָט אַליין,
כ׳וואָלט שווערען,
איז נישט ביכולת אויסצעווייגען זיינע פאַרבענלויזע,
בלאַסע טרעהרען

און אויסצוגיסען זיי—אין טרויעריג געוויין.
און יעדע זעעל איז איצט פעראייגזאַמט און אַליין,
און לייקענט הייליגקייטען, שענקייט—שטיין און ביין!
און קיינע בליקען קענען זיך, מסתמא, נישט פערשטעהן...

וואו זאָל איך געהן?
צו איינזאַמקייט צו גאַסט—צו זיך אַליין?
צו די זכרונות פון אַמאָל און נעכטען?
און פאַנצערן מיין וועזען—אייזען-שטאָהל!

—„אָ, ברודער, האָסט אַ וועג אַ שלעכטען
זיך אויסגעזוכט !"—רוימט עמיצענס אַ קול.

און ס'פאַלט מיין בלאָנדזשענדיגער בליק
פון פענסטער צו מיין טיש, צום אָנגעשליידערטען צוריק:
אַ צייטונג אַלט,
אַנ'אָבגעשטאָרבען עלענד-בוך—

דאָס נייע טעסטאַמענט...

און פרעגט בחרם מיך, וואָס נישטער איך און זוך...
מיין נישט-ענטפלעקטער זיפץ איז הילכיג, ווי אַ גוואַלד,
וואָס טרויעריג דאָס האַרץ, דאָס הייסע שפאַלט.
און באַלד — —

אָט באַלד וועל איך צורייסען אַלע בילדלעך פון
בעקאַנטע, פריינד,
פון זיך אַליין! און אויסשטעקען צו זיך מיט שפּאָט אַ צונג!

איך דאַרף נישט קיין זכרונות היינט! אַפילו היינט!

ווייל איך וועל איבער גרעניצען פון
מאָרגען, איבערמאָרגען
אין ברויזענדיגסטען ים-אוקינוס פון
דעם צער און זאָרגען,
אָ, אייביג, אייביג (הערט, צו אַלדי רוחות!)
וועל איך בלייבען יונג!—

מיין סדר עולם

קיינער, קיינער, וועט נישט מעהר אין גרויסען סדר-צימער זיין
איך אַליין נאָר מלכות'דיג געלעהנט, וועל זיצען
ביז פ ר י ה מ אָ ר ג ע ן שפעט
אויף מיין מיטעלאַלטערישער הסבא-בעט,
א ו י ס ג ע ב ע ט מיט נעגעל פונ'ם אינקוויזיציע-פיין,
און בעלויכטען פונ'ם שימערירענדיג שיטערהויפען-שיין...

פון די ט ר ע ה ר ע ן-א ו צ ר ו ת וועל איך צאַפּען
אַרבע כוסות וויין.
מיט די ווייסע שמייכלענדיגע ליפען וועל איך שטיל בעוועגען:
מה נשתנה ביי דער יחוד-שטילקייט פרעגען,
און אַליין זיך שטיל פערענטפערן מיין צער:
און צו קנעכט געוועזען זענען מיר, וואָס-זשע קומט דערפאַר?
און אַז קנעכט מיר זענען איצטער, וואָס-זשע קומט דערפאַר?

וועט די שטומע שטילקייט אָנקוקען מיך שטאַר:
„אַרבע בנים" קאָן געבאָלט זיין אין די וועלטן,
וועלכע בענשען? וועלכע שעלטען?
קומט אַרויס!
קומט אַרויס פון די געצעלטען!
קומט אַרויס פון יעדען הויז!

קום אַרויס, דו חכם און דו רשע, קום אַרויס, דו תּם
און גרויסער נאַר...

וועלען זיי זיך אין געשפּענסטער-שרעקען פיל געשטאַלטען,
פון די אויגען מיינע פּרובען זיך בעהאַלטען;
און איך וועל די בליקען מיינע אין דער ווייטקייט
ווייטער האַלטען,

און בעשלאָגען זיך מיט אַנגסטען, מיט אַ שוויס אַ קאַלטען!
און איך וועל פון נסים, לאַנג-געשעהענע דערצעהלען;
אויף דעם שפּיץ פון נאָגעל פונ׳ם עשרה מכּות ציילען...

און פּלוצלונג... ווען עס וועלען זיך די ליל-שמורים-
הימלען שפּאַלטען,

און אליהו נביא וועט אַראָפּ,
אַראָפּגעלאָזט דעם אַלטען מידען קאָפּ—
אוי, וועל איך אויסשרייען מיין שפּוך חמתך שטום,
אַז ס׳וועט די שטילקייט אויפגעציטערט טאָן אַ ברום
און מיט די קולי-קולות אונטערהאַלטען מיין געשריי
פון גרויען אור-געקלעמטען וועה!

און איך וועל שכּור׳ן פון אַרבע כּוסות טרעהרען-וויין,
אום-אַרומגענומען פון מיין מלכּה—פון די ליידען...
קיינער וועט צו מיר נישט קומען דאַמאָלט, מיידען,
קיינער, קיינער וועט נישט מעהר אין גרויסען סדר-צימער די…

אין דעם היכל פון דער כושף־מאַכערין.

(באַלעט).

ויאמר שאול צר לי מאד,

(שמואל א׳ כ״ח)

אַנ׳אומרוה-נאַכט קומט אָן פון גרויע הימלען צו עין-דור,
מיט זיפצען-דונערן פון נאָהנטער שלאַכט!
און ס׳ציטערט, ווי אין שווערען חלומ׳ען די נאַכט;
און ס׳קראַכען, קרעכצען הויך די בערג אין
מרה-שחורה׳דיגען עכאָ-טרויער!
ס׳איז אַ געלויער—
פון שוואַרצען גורל: ס׳איז אַ טייוועל-שפּילען אויף דער וואָהר,
און ערב פון אַ גרויס-נשמה אונטערגעהן,

און ס׳יאָמערט יעדער שטיין.

די כשוף-טענצערין איז וואַך,
און אויסגעבענקט אין איהר איז יעדער גליד,
אין מידען פאָרגעפיהל פון אימעצענס אַ קומען—
אַ ווייטערדיגעס זינגען פון
אַנ׳אָבגעריסען ליד!
אין טיפען הערבסט—אַנ׳אָבקלאַנג פון אַ פריהלינג-לאַך:

„אָ, שוין-זשע איז עס ע ר—
„דער זיסער אומעט פון איהר יעדער טרעהר?
„אָ, שוין-זשע ער, דער ווייט-אַמאָליגער מיט אויגען
קינדיש-בלוי,

„דער פרום-עניוות׳דיגער מיט דעם יוגענד-טוי
„אין לויטער׳ בליק?"
ווי וואָלט זי איהם געהאַלזט, אַרומגענומען,
ווי וואָלט זי אין אַ טויבען-ברומען,
אין קטרת-רויכלען פון די בלומען—
פערוויגט זיין גייסט אין אַ חלומות-וויג
און מיט אַ פערגעניגען-נגון פון אַ סוד אַ צאַרטען!
ווי אומרוהיג עס ווערט איהר אָבוואַרטען און וואַרטען
אויף דעם געגאַרטען!
ווי פיבערדיג עס אָטעמען די ווענד און פ ר י ה ר ע ן,
ב ר ע נ ע ן!

ווי אומעטיג רעיונות זענען:
„צי ועט זי איהם דערקענען?"

אוי, שוין לאַנג, אַזוי לאַנג
נישט געהערט זיין געזאַנג!
לאַנג אַזוי—איז בעשערט—
און זיין קול נישט געהערט!
און זיבט ווען, און זיבט וועז—
שוין זיין בליק נישט געזעהן!
נישט זיין ווערען בעציהרט!
נישט זיין אָטעם געשפירט!
נישט זיין יוגענד געפיהלט!
נישט מיט שמייכלען געשפילט!
אַזוי לאַנג! אַזוי באַנג!

—אַזוי לאַנג! און דער שטורם גיט עפּיס אַ ה ו י ב!
און עס צאַפּעלט דאָס האַרץ אין דער ברוסט, ווי אַ טויב;
און דעם אָטעם אַ פּלאָם אַ פערטויבטער פערכאַפּט;

און אין דרויסן דער ווינד— —און נאָך אימעצער קלאַפּט.
ווער-זשע קלאַפּט עס דאָרט, ווער?
„שוין-זשע—ער?"

און פינסטער, פינצטערער געוואָרען איז אין כישוף-הייל!
עס וואַקסט די שוואַרצקייט, ווי די פליגלען גרויס,
ווי שפּיזען-פליגלען פון דער נאַכט אַרויס,
ווי ריזען-פליגלען פון אַ רויב-פויגעל, וואָס זון פערשטעלט.
און ציהט און שפּרייט זיך פון איין עק-וועלט ביז עק-וועלט,
און יעדער בליהונגס-פרייד פערדעקט,
און— —שרעקט,
און וועקט די גרינע סמ'ען-פלעמלעך צו דעם טאַנץ
אין שדים-שאָטען—קאַרעראָדען-קראַנץ:
די מידע פלעמלעך פון נשמה-זוכען און פון פּיין,
די כשוף-פלעמלעך זענען עס די איין און איינציג
הערשונג און שיין,
וואָס צאַנקט און טוקט זיך, ווי אַנ'אָדערל פון גאָלד אין קויהל...
עס געהנטערט זיך דער שוואַרצער יאוש צו דעם הייל— —
און ש א ו ל קומט אַריין.

עס האָט די וועלט, זיין גרענעצלויזע וועלט זיך שוין געעקט.
מיט אבל-קליידער איז זיין גוף פערדעקט.
און ס'קלאָגט זיך יעדער אָדער, יעדער גליד איז אַ צעוועהטער!

די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, בעגראָבען ביי די צוויי בעגלייטער!
ביי א י ה ם נאָר—אויפגעהויבען, אויפגעריסען און
די הענד געשטרעקט,
אין בלינדען גישטערן און זוכען טאַפּש אַ שאָטען פון אַ ליכט,
אַ קערנדל, אַ שיין פון אַ געפּעלשטען ליכט...

ווי פינסטער, טרויעריג איז איצט זיין קינד-געזיכט!
א יין רגע-פונק,
א יין טרייסטענדיגער קלונג—
וואָלט אפשר עס געווען אַ לינדערונג פאַר דעם געדאַנק,

פאַר זיין נשמה, איינגעקלעמט און אימת-מות קראַנק

און פּלוצים טוט אַ בליצען-צאַנק
אין טיפער חשכ'ניש— —ווי אומגעריכט:
אַ יונג, אַשמייכעלדיג, אַ כשופ'דיג געזיכט,
דאָס זינדיג ליכט פון בלענדענדיגער פּראַכט,
די מלכּה פון דער יאוש-נאַכט,
די כשוף-מאַכערין, די יונגע פון עין-דור;
די כשוף-טענצערין מיט נסים-אויגען און מיט שטראַהלען-
פאַלען-האָר

איז אויף! איז אויף!
געקומען אויף זיין שטומען וידוי-רוף,
געקומען און אין עהרעפורכט פערצוויפעלטען געמיט
איין מאָל און נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל געקניעט.

(פון די בעוועגונגען זיין שטומע ליד:

—פער'כשוף מיך מיט שענהייט, מיט דיין יוגענד עלט!
פער'כשוף מין—דיין קנעלט!
אוי, ווייסטו דען, ווי ס'איז דער הימעל צו מיין עלענד שלעכט!
אוי, ווייסטו, ווי די זון האָט מיך, איהר זוהן, איהר קינד
פערשוועכט!
אוי, ווייסטו, ווי עס שרעקען מיך אַזעלכע פאַרגעפיהלען-נעכט!
און וואָס פאַר אַ געפעכט מיין אויסגעווייגטע האַרץ עס פיהרט!
פער'שפּור מיך מיט דיין צובלומטער יוגענד, מיט אַ הויך
פון טענץ בעציהרט:
דער טויט האָט שוין די בלוטען רויט—בעריהרט!
טו אָב פון מיר די שרעק—
מיין גלויבען און מיין קינדיש פריהעריגען גייסט ענטפלעק,
מיין מרה-שחורה אין מדבריות פוסט און וויסט זאָל ווייט אַוועק!

מ. בראָדעראָהן

(זי):

ווי קומסטו צו אַ וועג אַזוינעם,
דו, וועלכער האָסט די כשוף-מאַכער און ידעונים
אויף אייביג אומגעבראַכט?
ווי קומסטו, שאול-מלך, פון דיין רומעל צו אַזאַ
פערשאָלטען נאַכט?

(שאול המלך):

—גאָט לאַכט...

בעפריי מיך, צויבער-קינד, פון די חרטה-קייטען!
איך בין אין זיי געשמידט,
און מיד בין איך! אוי, ביז צום שטאַרבען מיד!
און ווי געליימט און ווי אַ יאָך איז יעדער גליד!
אין יעדען טריט פון מיר—די קייטען מיך בעגלייטען!
און שוואַרץ, אוי, שוואַרץ איז מיין געמיט!
און דו— — — און דו ביזט ציטריג ווייס,
און דו ביזט יונג, אָ, נעהם די קייטען און צורייס!
אַ כשוף-נס בעוויז!
אָ, דו ביזט ווייס און זילבערן-לבנה׳דיג און יונג,
ווי פון פריהמאָרגען-טוי אַ טראָפּען-קלונג,
און ווי אַ פריהלינגדיגער בליצען-פונק!
מיט שענהייט פון דיין זינד
דערוועק אין מיך דאָס קינד,
מיין פרום עניוות, ווען איך האָב מיין ערד,
די פעלדער פון בנימין אונגעשטערט
געאַקערט און געזייהט!
ווען ס׳האָט מיין פנים קעגען זון געהעלט,
ווען ס׳האָט אויף מיר, דעם זוהן פון פאָלק, זיין שטאָלצען העלד,
ס׳גבואה-פלאַטערונג, די פליגלען אויסגעשפרייט,

ווען יעדע שפראָצונג קליין האָט מיך געפרעהט!
אָ, טאַנץ, אָ, כשוף, רוף מיך מיט דיין גוף,
און טראָג אַוועק מיך פון נסיון ווייט, פון שווערען פרוב,
און טראָג אַוועק מיך פון מיין פיינליך שרעק!
געפין אַ ניי, אַ נישט-פערשאָלטען וועג,
אַנ׳אויסוועג צו מיין זוניגען „אַמאָל״,
צוריק צו אַרבייט, צו מיין פעלד אין בליהענדיגען טאָל,
צו ליבע-הייליגקייט, פון וועלכער ס׳שיידט מיך אָב די לאַסט פון זינד!

אָ, יונג לבנה-קינד,
דו זעהסט, מיין בליק ווערט טויט, פון חשך בלינד?
דו זעהסט? אָ, נעהם מיט אַ לבנה׳דיגען בלייכעל,
מיט אַ פער׳כשופ׳טען לבנה-שמייכעל
די בלענדעניש, דעם וואָלקען-פאָרהאַנג פון מיין האַרץ אַראָב!
און בלאָז אַוועק דעם אַש פון טרויער פון מיין קאָפ!
(אַ נעפעל-זעהעניש פון אַ פרי׳המאָרגען, פערלמוטער-ראָז.
דער יונגער דוד אין דעם אויפגעבליהטען גראָז,
אין פּאַסטוך-מאַנטעל נאָך געהילט
זיין ליד—דעם אָנזאָג פון דער גבורה און פון מלכות-העלדישקייטען שפילט).

אין זיך אַליין געצילט,
און ווילד און אויפגעריסען פאַר דעם גורל ווערען אויגען אָפען ברייט;
אין אומגעריכטען אויפוואַכען דער מלך שטיין-פערגליווערט שטעהט,
פערשטיינערט—די געבליטען קאַלט—
אַנ׳אויפגעי׳חלש׳טע געשטאַלט.
און ערשט, אַ וויילע דערנאָך, ווען נאָהנט די זעהעניש פערשווינדט —
געהט דורך זיין לייב אַ שוידער-ציטער פון אַ ווינטער-ווינד;
און ווייטער הויבט ער אָן זיך רחמימ׳דיג צו בעטען
מיט אומעטיגע תפלה-גלעטען,

מיט אימה'דיגע פלאַקער-אויגען;
און ס'זענען זיינע הענד געוואָרט, אויסגעצויגען—
צום שוואַרצען חלל ווייט פערפלויגען;
און איינגעבויגען הערט די טענצעריין און קניעט,
ווי פון דער ערד און פינסטערניש אַרויסגעבליהט,
און ס'גיט אַ צאַפּעל אויף איהר תאוה-בליק
פון לעצטען, גרעסטען זיג:
זי האָט זיין שוואַרצע מורא'דיגקייט, איצטער, ערשט,
דעם שטורעמדיגען יאוש-ים בעהערשט,
בעהערשט דעם שטרוים און אויך דעם העלדישען און דרייסטען שווימער!

און פון זיין גבור'ישען געשטאַלט איז נאָר אַ שאָטען-שימער
פערבליבען פון אַמאָל.
און וואו פערבליבען איז זיין לייבען-קול?
און, אוי, ווי שוואַך ער איז, דער גרויסער, ערשטער מלך-קינד,
אין וואָלקען-טרויער איינגעשפּינט!
ווי איינגעזונקען און מיט צער בעטרונקען איז זיין בליק,
און פונקען צאַנקען נישט אין שוואַרצאַפּלען פון לאַנג!
וואו איז די זיכערקייט פון מלכות'דיגען גאַנג?
און זיין געזאַנג וואו איז—דאָס ווידערקול פון גליק?

און זיין געדאַנק-פערלאַנג, בעזוימט פון רעגענבויגען?
און זיינע תמימות'דיגע אויגען?
וואו איז עס אַלץ פערפלויגען?
אין וועלכען קאַנט און לאַנד פעריאָגט, אַוועקגעטריבען?
זיין שאָטען בלויז איז דאָ פערבליבען!

און ס'ווערט אַ גרויס רחמנות אין איהר בלוט דערצונדען,
און ס'ווערט אַ פייער פונ'ם דרעמעל אויסגעבונדען,
און רייסט זיך דרייסט אַרויס אין רייך פון טאַנץ-געבעט;
און יעדע גלעט-בעוועגונג מיט עולמות טויטע רעדט,

און ווינקט און זינגט און רופט צו גרויס-נשמות הויך,
און וועקט די בליין-געשפענסטער, גייסטער פון
דעם נעפלען-רויך.
און ס'ווערט געבוירען אינ'ם פלאַקערן און פלאַמען-חוש
פון טאַנץ—די האָפּענונג און טרייסטונג-קוש.

(איהר טאַנץ):

„צו אַלע געטער, און צו גאָט פון אַלע געטער איז מיין טאַנץ!
„מיין כּשוף און מיין שענקייט, און מיין יוגענד און
מיין גלאַנץ!
מיין גליק—אַ קרבן! און מיין לעבען—גאַנץ,
„אינגאַנצען שענק איך פאַר זיין אָנקומען צו מיר!
„מיין יעדען שמייכעל-ציר.
„ווייל יעדען בליק פון אויגענצויבער איז דאָך זיין געשאַנק!
„אין יעדען גליד פון מיר בעהאַלט זיך זיין געדאַנק!
„זאָל ווערען זיין נשמה טויבען-ווייס און בלאַנק!
„זאָל ווערען זיין בעוועגונג העלדיש-פריי און פראַנק!
„און לאַנג דערלאַנגען ווייט זאָל אומנעהמען מיין תּפילה-האַרץ
„זיין וועזען שוואַרצער שוואַרץ!
„און זאָל פון אויגען אויסזויגען—פון טענץ פון מיינע
יעדער פּלאַם—
„פון טיפע טיפקייטען דעם קוואַלענדיגען סם!
„און זאָלען אויסוואָרצלען פון צער דעם ווילדען פלאַנץ!
„איך לעג אויף דעם מזבח פון זיין האַרץ די טענץ,
„די בשמים-בליהענדיגע קרענץ!
„עס שענערט זיך ביז כּשוף-געטליכקייט מיין זילבער-
וועזען גאַנץ!
„און ס'איז מיין יעדער קעהר און ריהר—אַ שיר אי מילד,
אי ווילד, אי דרייסט!

„און יעדע טאַנצען-טרעהער, איז ציר, אָהן שיער
צוקוועלט, בעפעלט און הייסט!
„און שטום — אַ בלום — מיין קערפּער רופט,
„און מיט מיין יוגענד, בליץ-ענטבלויזטער און צוּבּרויזטער
יוגענד-דופט!
„און ווער עס ווייסט נישט, וואָס בעדייט מיין איסור-
זיסער שמייכעל — ווייסט:
„איך רוף דעם נביא צו מיין האַר! אין צער צו איהם
די טרייסט!..״

און ס׳דוכט זיך אויס אין טרוימען-שוימענדיגען טאַנץ-עקסטאַז,
עס הילכען אויף די טיפע אורקוואַלען פון גרויס
בעליידיגונג און כעס — —
און ס׳וואַקעלט זיך די טענצערין אין דעם התלהבות-ים,
און ס׳דוכט זיך אויס, עס קעהרט צוריק אַ העל נשמה
צו איהר שטאַם,
פון דעם לבנה׳דיגען גוף געטיילט,
פון בענקשאַפט-מאַטערניש דורך אַ פערגעסען זיך געהיילט — —
און ווען עס ווערט דער גרענעץ פונ׳ם טויט און לעבען
איבערטראָטען,
דאַן ווייזט זיך אין דער מורא׳דיגער רוהיגקייט פון
טויט דער סוף —
דעם נביא שמואל׳ס ציטערדיגער שאָטען,
געוועקט פון אייביגען צדיקים-שלאָף.

פערבליפט בלייבט שטעהן די כשוף-טענצערין, אַראָבגעלאָזט
די הענד:
זי האָט אין נביא׳ס אָנקומען דעם מלכ׳ס גורל שוין דערקענט...
דערקענט דעם מלך שאול פון נישט לאַנג צוריק.
און פאָרוואורף-טרעהרען ציטערען אין דעם פער׳חלש׳טען
און צאָרן-בליק:
„דו ווילסט די שענקייט פון מיין כשוף-יוגענד און דיין גליק
„פערטיליגען אין אויסגאַנגסלויזיגקייט פון זינקענדיגע נעכט?!״

„אוי, מלך, ווי דיין משפט'ן איז אומגערעכט!
„דו האָסט מיך אָבגעגנאַרט, מיין בענקען צאַרט...
„אַנ'אַנדערן—דעם נביא שמואל האָסטו אָבגעוואָרט!"

(שאול המלך):

—„דער נביא?.. שמואל?.. וואו איז ער?.. בעוויין!"

און ס'ווענדט זיך שאול צו דעם ציטערדיגען שאָטען ווייס,
צום שאָטען-גרייז.
דורך יאוש און דורך טאַנצען-בלענדעניש, אין שוואַרצען
בלאַקער-ברען

איהם קוים דערזעהן.
און ס'בוקט דער מלך זיך אין טיפען צער צו דר'ערד.

און אויפגערעגט—
אין ווייסען הויך פון קדושה איינגעהילט, פערדעקט,
דער שאָטען פרעגט!

(שמואל):

—וואָס האָסטו מיר מיין רוה געשטערט,
און מיך אַראָבגעבראַכט אין פינסטערניש פון נאַכט,
דיין נאַכט?

(שאול המלך):

—דאָס האָט מיין אונמאַכט דאָך געטאָן!
אַ גרויזאַם טרויער נעהמט מיך אָן,
און טרייבט מיך צו דער שאול-תחתיה פון די יאוש-ליידען!
אָ, נביא, ס'איז מיר ענג! די וועלט איז ענג!
און יעדען שטראַהל פון טאָג טוט שאַרף מיין קערפער
שניידען!

און נאָך מיין קינדישקייט איך בענק!
און גאָט האָט זיך פון מיר געקעהרט —
און הערט נישט מיין געבעט!
און אָבגעוועלקט איז טויט מיין ערד!
און וואו עס פאַלט מיין בליק, ווערט שוואַרץ,
אַזוי ווי אין דעם אָבגרונט פון מיין האַרץ!
און ס'שענקט די זון מיר נישט קיין גלעט —
און אומבעוואוסט איז מיר מיין חטא!

צי איז שוין, נביא, שפעט —
צו איז — — ס'זאָל זיין אַזוי פון גאָט בעשערט!
אָ, נביא, גרויסער נביא, זאָג מיר, וואָס צו טאָן?

(שמואל):

— — דו האָסט אַליין מיט זינד דיין האַרץ צושטערט!
קיין נס, קיין וואונדער קאָן געשעהן און העלפען קאָן!
און גאָט האָט לאַנג פון דיר זיך אָבגעקעהרט!
דיין אָבקומען, דיין יאוש ביזטו ווערט!
און הער: איך זאָג צו דיר אַזוי צו זאָגען —
מיט אָנקומען פון נייעם טאָגען
וועט רייסען גאָט די הערשאַפט פון דעם חוטא'ס הענד,
און זיין ווערסטו פון שרעקליך איינזאַם טויט פערלענדט!
און זיין וועט דוד אויף דיין אָרט!

— ד—ו—ד —

און ווי אַ שלאָג-דונער פערהילכט דעס נביא'ס וואָרט!
און ווי אַ ריזען-בוים צושמעטערט פונ'ם שטורם,
און ווי פון ציטערן פון דר'ערד עס זינקט
אין אייגען שטויב אַ טורם,
און ווי עס פאַלט אַנ'אָבגעשניטען זאַנג,
אָהן זיפץ און קלאַנג —

אַזוי פערחלש׳ט פֿאַלט אין פאָרגעפיהל פון טויט דער מלך!

און ס׳פלאַקערט אויף די שלאַכט אין פייערן-געוואַלדען
פרעהליך,

און ווילדע וועהטאָג-אויסגעשרייען אין מלחמה-פעלדער פֿאַלען,
און די לבנה ווערט אין בלוט צופלאָסען רויט.
און שופרות שאַלען
דאָס העלדען-שפיל פון טויט,
און ס׳טאַנצען אויף אין אימה׳דיגע וועהען,
אין גסיסה-אויסגעשרייען
די רוחות-ווינדען, שדים-פּחדים פון דער נאַכט,
אין שפּאָט און שאַנד-געלעכטערלעך פון שלאַכט צולאַכט!
און כון דער שטיקענדיגער פינסטערניש, ווי אָבגעוואַכט,
און מיט די בלוטס-טראָפּען פון פרישע קריעה-וואונדען בלום-
בעקראַנצט...

— — — — — — — — — — — — — —

די כשוף-מאַכערין פערצווייפעלט טאַנצט
איהר לעצטען קדיש-טאַנץ.

(אפּאָטעאָז):

אין העלען גלאַנץ
פון דער גאולה-אויפלויכטען און פון נצחון,
אין זיידען מלכות-קליידער און אין גאָלדען-קרוין,
אין האַרפען-קלאַנגען, ווי זיין יוגענד רייין,
מיט אויגען אויפגעשטראַהלט פון אַ לייטזעליגקייט און פון
אַ פריהלינגס-זיגען—
שפּילט אויף מיט יעדען גליד זיין ליד, דער יונגער דוד
שטיל זיין אייביג נגון:

דעם פאָלקס-בטחון!

דער זייגער.

צוליב אַ בילד פון מאַרק שאַגאַל

עס זיצט אַ קליינער, קליינער מענשעלע און טראַכט
אין נאַכט אַריין, אין מורא פון דער נאַכט...
און ס׳וואַכט אַן׳אומבעוועגל׳כער, פערביסענער קטיגר
אין אומרוה פון דעם מאָנאָטאָניש קלאַפּענדיגען זייגער:
און טיק און טאַק, און טיק און טאַק—
דאַמאָקלעס שווערד... אַ נישט-געזעהענע, אַ שאַרפע האַק,
וואָס לויערט רק, און אין אַ לעבעדיגען קערפער האַקט,
ווען ס׳געהט די צייט אַרויס אויף יאַגד...
און ס׳זענען ווייזערס לאַנג-מטושטש׳ע די עדות,
פון דורות לאַנג-פערגאַנגענע, פון עלטער, עלטער-זיידעס.
דאָס גיט דער זייגער עס פון אַלץ דעם טאָן,
בכבוד׳יג פערנעהמט דעם אויבען-אָן!
און ס׳ליגט די נאַכט פערגליווערט, ווי אין פעלד אַ פּגר,
און ס׳פּיקט, ווי קראָהען זי דאָס טיקען פונ׳ם זייגער.
און נאָר דאָס מענשעלע, וואָס קוקט אַרויס אין נאַכט,
וואָס טוט ער, וואָס? ער טראַכט?
נו, קוקט זיך בעסער איין,
ווי ער האָט איינגעשפּיזט די אויגען אין דער נאַכט אַריין
און—לאַכט... איהר זעהט, ער לאַכט!—

אַ נקמה־מעשה׳לע.

איז אַ שיף אין שטורם, אין נקמה־שטורם איינגעזונקען,
איז אַ שיף צום גרונד צום טיפען, איז אַ שיף געגאַנגען,
איז אַ שיף אין דער פערגעסענהייט דערטרונקען—
און צוזאַמען מיט די שפּילען און געזאַנגען...

און געוועזען איז׳ס אַזוי! אַזוי איז׳ס פאָרגעקומען:
ס׳האָט דער הימעל זיך געהאַט בעציהרט מיט שטערען־בלומען,
אַלע גאָלד און זילבער־אוצרות אויפגענומען,
און אַליין—אַ בלויער! און אַליין דער הימעל איז אַ בלויער.
און אַליין דער הימעל איז אַ בלויער בענקענדיגער טרויער...

האָט דער ים זיך תאוה׳דיג זיין ברוסט בעוואויגען:
האָט דער ים דאָך אויסגעקוקט מיט טריבע גרויע אויגען—
און צום הימעל דעם בעציהרטען זיך אין ליידענשאַפט געצויגען,
און מיט וועלען־קושען העכער הויך און שטורמדיג געהויבען:
„וואָלט אַ שפּליטערל, אַ טראָפּעגדל—אַ גריס אַהין פערפלויגען
פון דעם תאוה׳דיגען ים צו רוה פון הימלען אויבען!"

און עס הויבען זיך אַלץ העכער אויף די וועלען:
דאַכט זיך, ס׳וויל דער ים פון זיין געלעגער זיך
אַצינדערט שטעלען...

און עס הויבען זיך די פּאַליעס קושענדיגע, הויכע, הויכע.
ווער פון זיי איז הימלען צו דערגרייכען זוכה?

„קיינער נישט! אוי, קיינער נישט!"—האָט עמיצער
אין ים געזונגען.
האָט עס פונ׳ם שיף דעם זינגערס קול צו די מרחקים
אָבגעקלונגען.
ס׳האָט דער זינגער ווילענדיג-נישט-ווילענדיג, דעם ים דערצאָרנט.
ס׳האָט דער זינגער זיך און ים געוואָרנט...

און די פּאַליעס האָבען איהם, דעם שיף דערשלונגען.

— — — — — — — — — — — — — —

שפּילען זיך אויף וואַסערן די לעבעדיגע רונגען.
האָבען זיך פון וואַסער-מיידלעך די געשפּענסטער
יונג צושפּרונגען.
איינע פון דער אַנדערער מיט טויזענד אויגען שענער, יונגער...
רינגלען זיי אַרום, און קראַנצען איהם אַרום דעם זינגער,
בעקראַנצען איהם און טאַנצען.
און ים און הימעל רוהיג מיט די טיפענישען גלאַנצען,
און ס׳פּאַלען נישט קיין שטערן-פונקען— —
ווען דער שיף אין דעם נקמה-שטורם איז געזונקען!

פיר פיר׳שורה׳דיגע.

קדושה.

איך און זי און אונזער ליבע, אָנגענומען פאַר די הענד,
און אויך די זון אין הייסען פלאַקערן צוברענט,
און אויך דער אומזיכטבאַרער ווייט און נאָהנטער גאָט—
מיר אַלע געהען אין אַ שטילען, תאוה׳דיגען קאַרעראָד.

קרבן־מנחה.

און, ראשית, האָסטו צערטעלדיג די האָר געקעמט,
דערנאָך—אַ רויטקייט האָט בעפורפורט אונז פערשעמט,
דערנאָך—האָסטו די שטראַהלען-האָר געפלאָכטען,
דערנאָך—אַ בייזען פאָרגעפיהל מיט חלף-בליצען-בליקען אָבגע׳שחט׳ען.

אַ שמייכעל.

דיין פנים האָט געטאָן פאַר מיר צוערשט אין פינסטערנ׳יש אַ בלייכעל:

און דו האָסט מיך דערזעהן: האָט עס געטאָן אַ נ׳אונענד-שמייכעל

צו ארבע-פנות-עולם: האָט אַ לאַך געטאָן צו מיר די וועלט

פון אַלע זייטען: און דער טרויער האָט זיין אָטעם אָבגעשטעלט.

א כוס.

—אָט האָסטו, פריינד, אַ פולען כוס מיט וויין פון גליק!
נישט קוק פאָראויס, נישט קוק זיך אום צוריק!
מיט לאַנגען ישוב׳ן און טראַכטען נישט פערפלאַך עס—
און טרינק דעם וויין, איינס-צוויי, בנשימה אחת!—

„קופּידאָן"

אין גלאַנץ פון פּאַליעס גאָלד, וואָס פליצט פון זון [illegible]
ווען ס׳פלעכט פריהמאָרגען העל די זון איהר שטראַהלען-צאָפּ,
און ס׳בלענדען איהרע האָר—די שטראַהלען,
און אַלע שאָטענס פון דער נאַכט אין ערגעץ ווערען זוייט
פערפאַלען—

דאַן הויבט זיך ס׳אָן:
עס קומט אַראָב דער שטיפער-שגצ׳ל בעפליגעלט—ק י פ י ד אָ ן
מיט פייל און בויגען,
מיט לעבעדיגע פרעהליבע און גליקליך-בלויע אויגע׳
און איינס, און צוויי—געצילט און אָנגעצויגען
דאָס בויגען-פעדימעל פון צאַרטען זייד...

ע ר צ י ל ט צ ו מ י ר — —
און ס׳העלפט נישט, וואָס איך קעהר זיך אין אַ זייט,
און בעט׳ן צילען צו מיין גורל, וואָס איך לייד...

ער טרעפט אין האַרצען, לעכערט עס: און אַלע שטערען
איך פערליר!

און כ׳בלייב אַזוי—אַ גאַנצען טאָג פערליבט,
אַ גליק-פערוואונדיגטער, פערוואונדערט און בעטריבט,
פערלוירען ביז דעם זונען-אונטערגאַנג—די רוה,

ביז שפּעט דער ווײַטער הימעל מאַכט זײַן אַנ׳אָװוענד-
פאָרהאַנג צו...

און אין מײַן פרעגען קלינגעלט דין אַ טרעהר:
—אָ, זאָג מיר, קופּידאָן, אָ, ווער?
אָ, ווער איז זי, די איצט געליבטע מײַנע? וואו?"

און ס׳שמייכעלט קופּידאָן מיט האַרציגקייט, דערפון...

—„אָ, שוין-זשע איז עס וואָהר: איך בין פערליבט אין זון?"

—„אָ, ניין! אָ, ניין! אָ, ניין!
אין מיר פערליבט ביזט, אין מיר דעם ליבע-געטעל
קליין!"—

דער ערשטער דונער.

אויף אַ רייטוואָגען אין בליצען איינגעשפּאַנט,
אויף פליהענדיגע וואָלקען-פערד—.
פערקייקעלט זיך דער ערשטער דונער צו דער ערד,
פון וויטען גרעניצלויזען לאַנד:
און ס'טוען הימלען זיך אַ ברייטען עפען.
און ס'שפּריצט אַרויס אַ שלאַנגען-בליץ אַ העלער—
און ס'ברעכט זיך פון דער העלער-הויט אַ ריזען-טעלער...
אַ פלוצלונגדיגער „מזל-טוב"—אַ פרעהליך תנאים,
אין האַרץ פון הימעל איז עס, אין דעם תהום דעם בלאָהעם!

ווער ווייסט נאָך—ווען ס'וועט דער ערשטער דונער טרעפען?

דאָס קולי-קולות-ברומען פונ'ם ריז,
וואָס האָט פון הויכענישען זיך געטאָן אַ ריס?

ווער ווייסט, צי איז עס חשוב'ע און הויכע רייד
פאַר אויסטערלישער פרייד?

צי איז עס אַנ'אויסגעשריי פון וועהטאָג און יסורים
פאַר'ן שטורם?

צי איז אַ שמחה דאָרטען? צי אַ גרויסער טרויער?

העי, האַרץ מיינס, זיי אַ בריה, עפען טיר און טויער,
און פערנעהם דעם דונער איצטער, און פערהויל איהם,
און בעהאַלט איהם אין דיין היכל,
אין דיין לייטזעליגען שמייכעל— —
און ווען קומען ווען ווילען, ווי די קראָהען מחנות שרעקען,
דאַן ווען זיי צוטרייבען—איהם דערוועקען און
אַנטפּלעקען!
דעדווילע זאָג ביחידות: שכוחו וגבורתו מלא עולם!

אַ שלאַנגען-צויבערין.

שטעה איך, שטעה איך אין דער גרויסער וועלט!
אום—אַרומגערינגעלט פון מיליאָנען-קלאַפּער-שלאַנגען.
און די זון פון אויבען מיט הנאה, און מיט נייגיר קוועלט,
אָפּטערס מיט אַ שלייער-וואָלקענדל פערשטעלט,
אָפּטערס מיט אַ טרויער-וואָלקענדל פערהאַנגען.

און עס שוידערט מיך פּאַר איינזאַמקייט און קעלט,
און איך זינג מיין תהום-געזאַנג פון די געזאַנגען...

נאָך אַ ביסעל—וועלען שלאַנגען מיך דערלאַנגען,
נאָך אַ ביסעל—וועל איך זיין פון זיי געפאַנגען,
נאָך אַ ביסעל—וועל איך פיהלען רינגען-צוואַנגען

איך לאָז מיין פידעלע נישט אָב—
און איך לאָז אַ רגע נישט—מיין קאָפּ אַראָב!

און עס זוכען, זוכען איינ'ם אונרוה פון דער פינסטערניש—
די הענד!

און אין אויגען מיינע די פערצווייפעלטע התלהבות ברענט—
און איך לאָז אויף פליגלען ווייט אַרויס די רחמים-קלאַנגען:
שפּילט מיין דוד'ס פידעלע אָהן אויפהער, אָהן אַ שיער!

וועה צו אַלעמען! און וועה, און וועה איז מיר!

מ. בראָדערזאָהן

כ׳ציהט זיך אָהן אַנ׳אויפהער מיין תחנונים׳דיגע ליד:
ס׳בין שוין האַלב פער׳חלש׳ט אינ׳ם שפּילען, מיד!
און עס פּלאָנטערן די פינגער זיך און קוים בעריהרען
קאַלטע אַלטע סטרונעס און דעם נגון ווייטער פיהרען.

זאָלען הימלען נאָר די שלענגעלדיגעליידען—שאַצען!
זאָל דאָס האַרץ—די אויסגעקלעמטע פידעלע נישט פּלאַצען!

און עס שימערירען פאַר די בלוט-בעטרעהטע אויגען
שלאַנקע, דינע, גרינע שלאַנגען-גופים אויסגעצויגען,
און זיי נעהנטערן זיך לאַנגע, לאַנגע מיט די פולע
מיילער גיפט,
און די שמייע, די פער׳סמ׳טע שמייע, פיהל איך, איבער
קערפּער טריפט...
און די אַנגסטען ווילען מיר מיין גוף פערדעקען,
און איך ציטער אויף פאַר אימת-מות-שרעקען.

און עס וועקען זיך אויפסניי די פינגער פלינק בעוואויגען,
און עס שפּיזען דורך די הימלען איצט אויפסניי די יאוש-
אויגען,

און די שלאַנגען האָבען ווייטער נאָר אויף ד׳ אמות אָבגעצויגען—
און נישט מעהר!
זייער אָטעמען, ווי נאָהנט איך הער!
און זיי שאָקלען זיך דערנעבען מיט די קערפּערס גלאַנציג-
גרין,
און עס שפּילט שוין באַלד דאָס פידעלע אָהן זין,
און פערגעהט אין פּחד, אין רחמנות דינגטשיק-דין...

שפּיל-זשע, שפּיל-זשע, פידעלע, אוי, שטאַרקער שפּיל!
שפּיל-זשע, דוד׳ס פידעלע, מיט גרויס התמדה און געפיהל!
האָסט צו שפּילען נאָך אַנ׳אייביגקייט—ווי פיל!
שפּיל-זשע, דוד׳ס פידעלע, מיט בלוט פון האַרץ!
טרייב-זשע, פידעלע, אַוועק דעם בייזען חלום און דעם
גורל שוואַרץ!

צ ו י ב ע ר, פידעלע, די שלאַנגען שרעקליכע און דאָס געלויער!
כשוף, פידעלע, מיין אימה און מיין טרויער!
זינג, מיין פידעלע—דאָס איז דיין הייליג ציל!
לאָז נישט פאַלען קלאַנגען, פאַר געבוירען ווערען אָבגעבליהטע:

ווען דו שפּילסט, אוי, פידעלע, אין דבקות שטיל—
דאַן האָבען זיי—די שלאַנגען-געסט—אויף מיר קיין שליטה!

און איך שטעה דערוייל, אַנ׳אייגאַמער, און כ׳שפּיל זיך
אין דער וועלט.

און ס׳ווערט אַ לעבען נאָך אַ בענקען קוים פערגאַנגען.
איך שפּיל און צאַנק! איך שפּיל און צאַנק—
און ס׳ווערען נאָך אָהן צאָהל, נקמה-זוכענדיגע שלאַנגען
געבוירען אינ׳ם בייזען חלום פון פערצווייפעלטען געדאַנק—
ג ע ד אַ נ ק ע ן-ש ל אַ נ ג ע ן!—

א למד-וואָ'ניק.

—„גאָט'ס אַ שטראָף! גאָט'ס אַ שטראָף!

—„כ'בין אַליין—אַ למד-וואו!
„כ'האָב בטחון און איך האָף.
„אָנדערוואָכען—נעהמט קיין סוף:
„זינגט מען, טאַנצט מען—נעהמט קיין שלאָף!
„ווינדען פּאָכען:
„כ'האָב בטחון.
„וואַסער טראָגען,
„תהלים זאָגען,
„אָנדערוואָכען! אָנדערוואָכען!
„מיד און מאַט—
„ס'האָט אַ גלעט—דער חטא פערשאַדט,
„טוען וועה פון פיס די קנאָכען!

„כ'האָב בטחון, און איך האָף!
„אָנדערוואָכען נעהמט קיין סוף!
„זינגט מען! טאַנצט מען—נעהמט קיין שלאָף.
„און איך זינג אַזוי דאָס רוב—
„קומען וועט די גרויסע פרייד
„שטילערהייד, שטילערהייד...

„און משיח, זעהסטו, געהט!

„אַרבייט, ברידער, אַלע פלייסיג,
„אַלע, אַלע זעקס און דרייסיג:
„האַקט דאָס האָלץ און טראָגט דאָס וואַסער!
„גוטע בשורות זייט מבשר!

„און אין ימים גאָלד צופלאָסען
„וועט אין זונען-שיפען קומען,
„וועלט מיט וועלט אַרומגענומען,
„יענע רוה פון אייביג שבת—פונ'ם שבת פון שבתון!"

כשר׳ן.

—העי, כשר׳ן, כשרן דאַרף מען וואָס גיכער:
נשמות און הערצער, און בייזע געדאַנקען——
ס׳זאָל שיינען! ס׳זאָל בלאַנקען!
העי, פלינקער און ראַשער!
איך ווייס און איך כשר!
העי, יודעלעך, גיכער,
איך בין שוין געקומען—פון פריהלינג דער ווילער,
וואָס טרייבט און פערטרייבט דאָס פערשאָלטען געהיימעס!
כ׳קאָן לופטערן, שוינען די הייליגע ביכער!
כ׳קאָן ברענען די שמות——
די זון איז מיר ליבער!
כ׳קאָן אויסגילדען שטיבער!
כ׳קאָן .אויסגראָבען גריבער——
אַ שריד ופליט ניט לאָזענדיג איבער!
כ׳קאָן קייכען און לאַכען!
כ׳קאָן שמחה׳דיג, יום-טוב׳דיג לעבעדיג מאַכען!
איך האָב אויך דעם פלאַקערדיג, פייערדיג פלאַם
אין אַש צו פערטיליגען פחדים און אימות!
כ׳קאָן, ברידערלעך, וואַכען—
עס זידט אין מיין קעסעל אַ ברויזענדער ים,
געזונד און רפואה צו מידקייט פון ביינער!
עס גליהען און בריהען די זודיגע שטיינער—

איך בין פון דעם מדבר פון ווייטען געקומען,
דאָס קליפּערגעצייגעל פון דאָרטען גענומען:
זאָל קומען נאָך איינער! זאָל קומען נאָך איינער!
מיט פריהלינג, מיט בלומען—
וועט יעדערער ווערען אַ ריינער, אַ שענער!
—העי, כשר'ן! כשר'ן! כשר'ן גיכער!
עס איילט אויף די פליגלען אַ פריהלינגדיג וויכער!

אַוועק'ט אָן דער זייט, ווע'ם דער גלות איז ניהא'ר!
אַוועק אָן דער זייט זאָלען ווערמיגע קריכער!
אַוועק אָן דער זייט זאָלען מיוז פון די ביכער!
אַוועק פונ'ם וועג זאָלען זינדיגע נאַשער!
איך הייליג און כשר!
איך זינג און איך שפּרינג—
מיט זילבער-נשמות איך פרעה זיך און קלינג,
איך מאַך איצט אַ קאַרעראָד—קדושים אַ רינג,
אַ כשר'ער ריקוד'ל! הייליג דער טאַנץ...
אין יעדער נשמה, פון שטראַהלען דער גלאַנץ,
בעקריינט, און די קרוין איז פון פריהלינג אַ קראַנץ...
און גאַנץ איז מיין האַרץ איצט! אַט האָב איך—אַ פרייער
געשליידערט אַ בלבול פון בלוט אינ'ם פייער,
און ס'קנאַקען די פלעמלעך און ברענען, צושפּרינגען...
אַט ווייזען זיי אימעצען, שפּאַטענדיג צינגען!

און כ'האָב זיך שוין ווייטער צוזונגען, צוקלונגען:
—העי, כשר'ן, כשר'ן, יודען, געשווינדער!
העי, מאַנסבילען, ווייבעלעך, גרויסע און קינדער,
ברענגט הערצער, נשמות געקלעמט און געקוועלט:
מען זאָגט, ס'איז שוין פריהלינג—עס בליהט אין דער וועלט!—

הבדלה.

אַ שווערער זילבערנער, אַנ׳אַלט הבדלה-בעכער פול מיט ווײַן,
און כ׳קוק אין אינעווענינ טיף אַרײַן,
און טונקעל בליקט פון דעם אויף מיר און ציטערט מײַן
געזיכט
אין שימער-שײַן פון אויסגעפלאַכטענעם הבדלה-ליכט—
און לאַכט צו מיר מיט ווײנענדיגע, ווײנענדיגע אויגען
גרויס אַ פּאָר,
צופרידען-טרויעריג ביז גאָר!
און אויגען ריידען עפּיס מאָדנע דײַטליך קלאָר,
נאָר כ׳קאָן ניט בעדײַטונג, זייער מײַן פערשטעהן.
און כ׳זעה און כ׳פּיהל זיך איצט אַליין— —
אַך! פּלוצלונג ווערט די ליכט פערלאָשען אין די הענד.
עס שווימען אין דעם חשך ווייט אַוועק פון מיר די ווענד!
און איך—איך ווער פון פּינסטערניש פערבלענדט,
און בנשימה אַחת טרינק איך אויס דעם גאַנצען כוס...

— — — — — — — — — — — —

—האַ? וואָס?.. מיט מיר געשעהן—וואָס איז עס?.. וואָס?..
כ׳האָב אויסגעטרונקען זיך אַליין, זיך גופא מיט׳ן ווײַן,
און ס׳איז פון שפּיגלען זיך די שכרות טיף אין מיר אַרײַן!

און האַלטענדיג אַ פּוסט הבדלה-בעכער, מאַך איך:
„בורא פּרי הגפן,״
און ס׳זענען מײַנע אויגען אויפגעריסען אָפען!—

נסתרות.

לכבוד ד. פרישמאן.

אַ בלויע סאַמעט-יאַרמעלקעלע קליין,
און ס׳באַמבלען זיך צוויי לאָקען-פּאות׳לעך געקרייזעלט, מלא חן,
אַנ׳אַטלעס-זשופּיצעל... אַ רויטע טיכעל שען,
און זאָקען ווייסע, זיידענע, געצויגען ביז די קניע.
איך טו מיין שאַרפע ציגען-בערדעלע אַ ציה—
און כ׳פליה!
און ס׳ווערט די גרויסע ערד—אַנ׳ערדעלע ווי קליין!
און ס׳האָבען שטערען טויזענד טעם און טויזענד חן!
און אַלע וועלטען, אַלע וועלטעלעך—אָי, אָי, ווי שען!
און איך אַליין ווער גרויס—אָ, גאָט, אַ ריז!
און כ׳גיב פון גרויסען הימעל זיך מיין חלק עולם-הזה-
שטיק אַ ביס:

ס׳איז בלוי און זיס!..
אַ פליה אַהין, אַהער! ס׳געדויערט, ווי אַ וואונק ניט מעהר,
און איך בעשאַף די שטערען און צושטער.
און קיינער קאָן מיך ניט און פרעגט ניט: „ווער איז דער"?
און כ׳קלער מיר אָפּטערס, ווי ס׳איז וואויל—איך פליה,
און קיינער זעהט מיך ניט, קיין בייזער בליק פון היע— —
און כ׳פליה!—

צו די שטערן!

מיר יונגען, מיר—אַ פרעהליכע צוזונגענע כאַליאַסטרע,
מיר געהען אין אַנ׳אומבעוואוסטען וועג,
אין טיפע מרה-שחורה׳דיגע טעג,
אין נעכט פון שרעק—
Per aspera ad astra!

און ס׳ווערען שטערן—טרעהרען,
און טרעהרען ווערען—שטערען,
און טויבע הויבען אָן צו הערען,
און טויטע הויבען אָן—בעגעהרען—
און אַלדאָס-גוטס—מקוים ווערען:
—ס׳איז שווער דער וועג, וואָס פיהרט צו שטערן?!

העי, ווענינגער אַ ביסעל קלערען!
וואָס ס׳איז בעשערט, וועט אונז בעווערען!
די פרייד ט׳זיך פרוכפערן און מעהרען,
און הערען וועלען הימלען גערן,
און בקדושה טרייהייט שווערען:
כאַ-כאַ—דערווײלע טאַנצען בערען!

Per aspera ad astra!
מיר געהען! געהען מיר אין אומבעוואוסטען וועג!
אין טיפע מרה-שחורה׳דיגע טעג,
אין נעכט פון שרעק—
מיר יונגען, מיר—אַ פרעהליכע צוזונגענע כאַליאַסטרע!

אַנשי שלומינו

מיר, זינגער, פון דיין מעכטיגער אונשטערבליכקייט,
אָ, גאָט!

מיר, זינגער, פון דיין יעדער רעטעניש און סוד—
מיר פליגלען אין דער גרעניצלאָזער וועלט אַרום,
און קניהען אין דעם פליהען פרום.
מיר, זינגער, פון די אַלע דורות ביז אַהער!
און אָפטערס בלייבט מען ביז'ן שטאַרבען אין דעם
אייגען פאָלק און לאַנד—אַגראַר.

מיר זינגען פון לייטזעליגער התלהבות, גענאָד,
מיר זינגען פון אונשטערבליכקייט, אָ, גאָט,
מיט זונען-אונטערגאַנגען, אין פאַרנאַכטען בלוטענד—
און שפּילענדיג אין קאַמף פון פרייד און שרעק,
מיר זינגען אין די איינזאַם-אומעטיגסטע טעג!

אָ, גאָט, דערהער אונז—Morituri Te salutant